STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 07303

GEZANG UN DEKLAMATSYE

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געזאַנג און דעקלאַמאַציע.

(ליעדער-זאמלונג)

צוזאמענגעשטעלט דורך

ד. קאסעל.

צווייטער טייל.

פערלאג א. גיטלין, ווארשוי, נאלעווקי,
איוואנאווסקי באזאר № 1

ווארשא, — 1914

געזעצט ביי א. י. האלטער
נאוואליפיע 29

ПѢНІЕ и ДЕКЛАМАЦІЯ,
сборникъ стих.

ВАРШАВА, 1914 г.

Тип. Х. Кельтеръ, Новолипье 11.

אינהאַלט.

ערשטער אבטיילונג.

געזאַנג.

זייט

אין אַ שטאָדט איז אַ מעשה פֿערלאָפֿען. 5

היי, האָבער און קאָרן. 6

די יאָהרעלעך ציהען,
די יאָהרעלעך פֿליהען. 6

אַ שען מיידעלע בין איך דאָך. 7

פֿאַרביי מיהל, פֿאַרביי ראָד. 8

זיי-זשע מיר געזונד. 9

מאַמעשי, מאַך מיך חתונה. 9

טאָכטער, דו ליעבסטע, דו מיין. 10

אויפ'ן הויכען גראָז. 12

שנירעלע, פערעלע, גילדערנע פֿאָהן. 13

זיצען, זיצען זיעבען ווייבער. 13

קליפּ-קלאַפּ אין גאָלדען טהיר. 14

אַ תּפֿלה, א. גאָלדפֿאַדען. 15

דאָס ליעד פֿון דעם ברויט,
מ. מ. וואַרשאַווסקי. 16

אַרבייטער-ראָמאַנס, מ. ראָזענפֿעלד. 17

דיינע אויגען, א. רייזען. 18

פֿערליעבטע, י. קאַצענעלענסאָן. 18

עלעגיע, י. קאַצענעלענסאָן. 19

צווייטע אבטיילונג.

דעקלאַמאַציע.

ש. פֿרוג.

אַ חדר-מעשה. 23

ווינטער-ליעדער. 26

הערבסט-ליעדער. 28

ד. פֿרישמאַן.

זעקס. 29

פֿאַר משיח'ן. 30

פֿרעמד צווישען די פֿרעמדעסטע
מענשען. 34

י. ל. פּרץ.

רענעסאַנס. 35

מיין ניט. 36

ביי דעם פֿרעמדען חופּה-קלייד. 37

מ. ראָזענפֿעלד.

חרטה. 51

מינוטען. 52

זייט

דער אָדלער. 53

פֿאָרטשריט. 53

נאַטור און מענש. 54

פֿאַנטאַזיע. 55

אויפ'ן בוזים פֿון ים. 56

יהואָש.

פּראָלאָג. 59

דאָס נישט געזונגענע ליעד. 60

אַ טרוים. 64

דער וואַסער-טרעגער. 65

דאָס טייבעל. 66

דלילה. 67

ליעבעס-הבטחות. 68

(פֿאַבעלען).

דער פערל, דער בריליאַנט
און דער דימענט-גלאָז. 69

די אָבגעפּיטערטע קאַץ. 71

דאָס געלע בלאַט און די פֿיש. 72

די גלאָק און די מעטאַלען. 73

א. רייזען.

כ'קאָן נישט, ליעבסטע,
זיין דיין שיצער. 75

דו ביזט געווען אַ ווייסער קלאַנג. 75

כל-זמן... 76

אָווענד... 76

ברען-אויס... 77

אין אַ רעגענדיגער נאַכט. 77

אין וועג. 78

אויף אַ פֿערד אַ ווייסען. 78

ח. נ. ביאַליק.

וואו ביזטו? 79

כ'בין נישט אויף אייער רוף געגאַנגען. 80

אַ פֿרעהלינג. 81

כ'וואָלט געווען אַ בעלן וויסען. 84

אויף דעם הויכען באַרג. 85

עס האָט מיך פֿערפֿלאָנטערט. 87

אַ. ליעסין.

און דער אָווענד איז ביין
און פֿעראומערט. 88

אַנ'אַלטע פֿערגעסענע שטימונג. 89

י. י. פראָפּוס.

איך בין אַזוי עלענד. 90
ס'רוקט זיך אָן די נאַכט. 91
אַך, נישט לויפט אַזוי, איהר יאָהרען. 91

ז. שניאור.

זיין עלענד—איז ביטער, געליעבטע. 92
אין דלילה'ס אָרעמס. 93
האָב פיינד! 94

י. פילמאַן.

דער אָוועגד קומט. 95

מ. טייטש.

פאַרנאַכט. 96
ליטאָ. 97

ל. שאַפּירא.

נאָהענט, נאָהענט! 97

ד. איינהאָרן.

יודישע עלעגיעס. 98
מיין ליעד איז געפאַנגען. 99

מנחם.

אויס דער פּאָעמע „פוילען". 100

ז. סעגאַלאָוויטש.

מען באָדט זיך... 102
אויפ'ן באַרג איז דער שניי
נישט געריהרט... 103

ש. י. אימבער.

עס קומען די שעה'ן. 103
וואַנדער-ליעדער. 104
אַ גאַנצע נאַכט. 104
אַ שטערען קוקט אין ים אַריין. 104

ב. לאַפּין.

ס'איז אומעטיג... נישטאָ מיין פריינד. 105
איך האָב, מיין קינד, ביז אַהער
נישט פאַרשטאַנען... 106

בר=כהן.

אַ קרעמער. 106
עס פליהען די יאָהרען. 107

י. טונקעל.

פאַרנאַכט. 107

שרה רייזען.

דאָס לעבען. 108

ה. רויזענבלאַט.

צוויי חברים. 109

י. אַדלער.

מיין היים. 112

א. ח. שעפּס.

יוגענד. 113

י. יפה.

מה רעש: 114
ס'איז גענוג. 115

י. ראָלניק.

נעכט. 115
איך וועל אַזוי אָפט אטאַקירען. 116
האָסט גוטע מינוטען געשענקען. 116

ז. לאַנדוי.

אין דערפינסטער זענען
דיינע אויגען שענער... 116
זענען מיר אַלע געבוירען אָהן ווילען. 117

מאַני=ליב.

טהיר און פענסטער צוגעשלאָסען. 117

מ. ל. האַלפּערן.

דאָס טרייב=ראָד און די
וואַלען רוישט. 118

מ. באַסין.

בעגינען. 120

ל. ניידוס.

מזרח=אויגען. 121

ד. מאַרשאַק.

מיין בת=מלכה. 122

זעלדע קניזשניק.

מיין לעצטע ליכט האָט
אויסגעברענט... 123
מאָרגען! מאָרגען! נאַרט די האָפנונג. 124

מ. ראָזענפעלד.

די פערפיהרטע. 124

פֿערשטער אבטיילונג.

געזאנג.

גנעזאנג.

אין אַשטאָדט איז אַמעשה פּערלאָפען.

אין אַשטאָדט איז אַמעשה פּערלאָפען:
אַמלך האָט אַמלכּה אװעקגעװאָרפען.

— — — — — — — — — — — — —

פוֹיגעלע דו מײַן, פוֹיגעלע דו פײַן,
זאָל דאָ פרעהליך זײַן!
פוֹיגעלע דו מײַן, פוֹיגעלע דו פײַן,
אפשר װײסטו, אַװאו איז מײַן מאַן?

„קײן אַלט פוֹיגעלע בין איך נישט,
אין געדיכטען װאַלד פליה איך נישט,
װײס איך נישט, אַװאו איז דײַן מאַן!

שרײַב מיר אַן אַבריװעלע
און קלעב מיר צו צום פליגעלע,
װעל איך דיר זאָגען, אַװאו איז דײַן מאַן!"

דאָס פוֹיגעלע איז געפלױגען
אַטאָג מיט אַמעת־לעת.
געקומען צום מלך,
טױט װי אַמת.

„אַלטער מאַן, װאָס האָט דיר די מלכּה
פאַר אַשלעכטס געטהאָן?"

— נישט קײן גוטס, נישט קײן שלעכטס.
קײנמאָל נישט געגעסען קײן רעכט לעפעל געקעכטס!

דאָס פוֹגעלע איז געפלױגען
אַטאָג מיט אַנאַכט,
געקומען צו דער מלכּה —
די לאָדען פערמאַכט.

— אַליכטיגע בשורה האָסטו מיר געבראַכט?
„אַפינסטערע בשורה האָב איך דיר געבראַכט!"

ווי זי האָט גענומען דעם גט אין דער האַנד,
האָט זי שוין אָנגעהויבען שלאָגען קאָפּ אָן וואַנד,
פּים — אָן טהיר:
מײַן ליעבער מאַן אוועק פון מיר!

היי, האָבער און קאָרן.

היי, האָבער און קאָרן,
רבקה האָט דעם פאַרטוך פערלוירען,
און יאַנקעל האָט עס געפונען.
האָבען זיך ביידע גענומען.

שטעהט רבקה אין שפּיעגעל
און קעמט אַראָב די הערעלעך;
איז צוגעגאַנגען יאַנקעל
און האָט זי בעשאָטען מיט קערעלעך.

דאָס ווייסען דאָך אַלע,
אַז רבקה איז אַ כלה,
און יאַנקעל איז אַ חתן,
און האָבען זיך ביידע געשלאָסען.

* *
*

די יאָהרעלעך ציהען, די יאָהרעלעך פליהען,
די צײַט געהט אוועק ווי אַרויך;
אַז איך דערמאָהן זיך אָן דיר, מײַן זיס לעבען,
געהט מיר אויס מײַן כח.

אוי, די כוחות׳ליך געהען מיר אויס,
איך קאָן זיי אין זיך ניט דערפיהלען;

געזאנג.

אַ צעהנטען מיידעלע וועל איך פֿערזאָגען,
אז זי זאָל קיין ליעבע ניט שפּיעלען!

אַז אַ מיידעלע שפּיעלט אַ ליעבע,
שפּיעלען אין איהר אַלע פֿאַרבען;
און אַז זי שפּיעלט ניט אוים די ליעבע,
מוז זי אַ יונגע שטאַרבען.

שטאַרב ניט, שטאַרב ניט, דושע מיין לעבען
עס וועט פֿון דיר נעהמען אַנ'עק;
אַדיע, אַדיע, דושע מיין לעבען,
איך פֿאָהר שוין פֿון דיר אַוועק!

אויף וויפֿיעל איך בין געוועזען,
האָב איך געזעהן אָרים און רייך;
עס מעג זיין די שענסטע, די בעסטע ליעבע,
לאָזט זי זיך אוים אַ טייך!

אוי, די טייכעלעך טריקענען אוים,
די גריבעלעך בלייבען ליידיג;
און אַז ס'טרעפט זיך אויף אַ מיידעל אַנ'אומגליק,
בלייבט דער שם אויף אייביג!

---

* *
*

אַ שען מיידעלע בין איך דאָך,
רויטע פֿאָדים שפּין איך דאָך,
אַ רייכען טאַטען האָב איך דאָך, —
היינט וואָס פֿעהלט מיר נאָך?

טאַטע, טאַטע, געה אויפֿ'ן בן-זכר
און קלייב מיר אוים אַ שענעם בחור,
מיט לאַנגע פאות, מיט שוואַרצע אויגען,
און צו דער הייליגער תורה זאָל ער טויגען.

---

* * *

פֿאַרבײַ מיהל, פֿאַרבײַ ראָד
פֿיהרט מען די כּלה גלײַך אין באָד.
פֿאַרבײַ די נײַע בריקען
פֿיהרט מען די כּלה טוקען.

פֿיהרט מען די כּלה טוקען,
לויפֿען די ווײַבער קוקען;
ווי מען פֿיהרט נאָר די כּלה אַרויס,
נעהט דער חתן פֿון קלויז אַרויס.

מיט אַ גלעזעלע ווײַן, מיט אַ שטיקעלע פֿלאָדען,
מען זאָל זיך גיכער אָבבאָדען,
מען זאָל זי ניט דערטרענקען.
מען זאָל זי כּשר שווײַנקען.

חאַפּט מען אָן פֿאַר אַ הענטעלע,
שווײַנקט מען אָב אַ הענטעלע;
חאַפּט מען אָן פֿאַר אַ פֿיסעלע,
שווײַנקט מען אָב אַ פֿיסעלע.

— כּלה מײַן, כּלה פֿײַן,
ווי איז דיר געגאַנגען?
— מקוה־וואַסער — צוקער זיס,
כ'האָב אָבגעפֿראָרען די יונגע פֿיס!

אוי, וועה, ביטער,
וועה, מײַן חתן, איך ציטער!
נעהם מיך אַרונטער
אונטער דײַן פֿוטער!

— ווי קען איך דיך נעהמען?
כ'מוז זיך פֿאַר לײַטען שעמען!
— שעם זיך יאָ, שעם זיך ניט,
נעהם דעם פֿוטער און נעהם מיך מיט!

* *
*

זיי־זשע מיר געזונד, מיין געליעבטער פאטער,
זאל שוין נעדמען אנ'עק!
דיין זאלץ און ברויט האב איך דאך געגעסען,
איצטער פאהר איך שוין פון דיר אוועק!

ווי עס איז ביטער, מיין געליעבטער פאטער,
א פויגעלע אין וויסטען וואלד אליין,
אזוי איז דאך ביטער, מיין געליעבטער פאטער,
מיר אין א פרעמדען לאנד אליין!

אין א פרעמדען לאנד, מיט קיינעם ניט בעקאנט,
עלענד ווי א שטיין.
און אז איך דערמאהן זיך אן דיר, מיין געליעבטער פאטער,
זיץ איך אין טרויער און וויין.

זיי־זשע מיר געזונד, מיין געליעבטע מוטער,
זאל שוין נעהמען אנ'עק!
דיין מילך פון דיין ברוסט האב איך דאך געזויגען,
איצטער פאהר איך שוין פון דיר אוועק.

מאמעשי, מאך מיך חתונה.

מאמעשי, מאך מיך חתונה!
„טאכטער, ס'איז נאך צייט!"
מאמעשי, מאך מיך חתונה,
א געלעכטער אן א זייט!

מאמעשי, מאך מיך חתונה!
„טאכטער, שווייג שוין שטיל!"
מאמעשי, מאך מיך חתונה,
ס'איז נישט קיין קינדער־שפיעל!

מאַמעשי, מאַך מיך חתונה!
„טאָכטער, ס׳איז נישטאָ קיין געלד!״
מאַמעשי, איך וויל נישט וויסען,
כ׳וויל אויך וויסען פון אַ וועלט.

טאָכטער, דו ליעבסטע, דו מיין.

— טאָכטער, דו ליעבסטע, דו מיין,
ווי האַלט דיך די שוויגער?
— די שוויגער רק בייז, ווי אַ טיגער,
מוטער, דו ליעבסטע, דו מיין!

— טאָכטער, דו ליעבסטע, דו מיין,
ווי האַלט דיך דער שווער?
— דער שווער ברומט שטענדיג ווי אַ בער,
מוטער, דו ליעבסטע, דו מיין!

— טאָכטער, דו ליעבסטע, דו מיין,
ווי האַלט דיך דער מאַן?
— ביים מאַן איז דאָס לעבען, ווי אַ שפּאַן,
מוטער, דו ליעבסטע, דו מיין!

— טאָכטער, דו ליעבסטע, דו מיין,
וואָס עסטו דאָרטען?
— אַ שטיקעל ברויט, ליעבערשט דער טויט
מוטער, דו ליעבסטע, דו מיין,

— טאָכטער, דו ליעבסטע, דו מיין,
וואָס טרינקסטו דאָרטען?
— אַ גלעזעל וויין — שאַנד אין פּנים אַריין,
מוטער, דו ליעבסטע, דו מיין!

— טאָכטער דו ליעבסטע. דו מיין,
און וואָס געהסטו אָנגעטהאָן?
— אין [illegible]טונענעם קלייד, מיט צרות גענייהט,
מוטער, דו [illegible]סטע, דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע, דו מײַן!
וואָסערע שיך געהסטו?
— אַזעלכע שיך, וואָס ווערן צוריסן אויף גיך.
מוטער, דו ליבסטע, דו מײַן!

— טאָכטער, דו ליבסטע, דו מײַן!
ווי שלאָפסטו דאָרטן?
— אויף אַ קישן, נאָר לײַט זאָלן וויסן.
מוטער, דו ליבסטע, דו מײַן!

— טאָכטער דו ליבסטע, דו מײַן,
אַוואו ליגסטו דאָרטן?
— אויף דער האַרטער באַנק, טויט קראַנק.
מוטער, דו ליבסטע, דו מײַן!

— טאָכטער, דו ליבסטע, דו מײַן,
געהט צו געוואָהר ווערן דער מאַן?
— ער געהט ניט צו, ער האָט שכל ווי אַ קוה.
מוטער, דו ליבסטע, דו מײַן!

— טאָכטער, דו ליבסטע, דו מײַן.
וואו האָט מען דיך אַראָבגעהויבן?
— אויף אַזעלכע ערד, וואָס קײנמאָל ניט געקעהרט.
מוטער דו ליבסטע, דו מײַן!

— טאָכטער דו ליבסטע, דו מײַן,
וואָס האָט מען דיר אונטערגעבעט?
— דרײַ שטרוי, ווינד און וועה,
מוטער, דו ליבסטע, דו מײַן!

— טאָכטער, דו ליבסטע, דו מײַן,
און וואָס האָט מען דיך אָנגעטהאָן?
— ניט דער שמש׳טע צו רײַסען, ניט הינט צו בײַסען.
מוטער דו ליבסטע, דו מײַן!

— טאָכטער, דו ליבסטע, דו מײַן,
וואו האָט מען דיך אַוועקגעפֿיהרט?

— אין אַ שוואַרצען וואָגען, לײַט זאָלען קלאָגען,
מוטער, דו ליעבסטע, דו מײַן!

— טאָכטער, דו ליעבסטע, דו מײַן,
וואָסט'ן דיר געלעגט צו קאָפּען?
— אַ זעקעלע ערד, דעם קאָפּ צום פערד,
מוטער, דו ליעבסטע, דו מײַן!

— טאָכטער, דו ליעבסטע, דו מײַן,
ווי האָט מען דיך אוועקגעפיהרט?
— מיט אַ ווײַסען פערד, יונגערהײַד אין דר'ערד, —
מוטער, דו ליעבסטע, דו מײַן!

* *
*

אויף'ן הויכען גאָרן,
אויפ'ן גרינעם צווײַג,
לאָז איך זיך אַראָב'עט
צו מײַן ליעבסטען ווײַב.
פישעלעך אין וואַסער
זעהר פיעל;
איטליכם מלך
האָט זײַן שפיעל.
שפיעלען און טאַנצען
און לויבען גאָט;
גאָט האָט בעשאַפען
הוה'ן אויף דער וועלט,
חוה איז געגאַנגען
דאָס גערטעלע אויפשליסען,
האָט זי דערזעהען

אַנ׳עפּעלע אַ זיסען.
ווי זי האָט געטהאָן
דעם ערשטען בּיס,
אַזוי האָט זי פערשטאַנען,
ווי נאַקעט זי איז.

* *
*

זניִרעלע, פּערעלע, גילדערנער פאָהן,
משיח בּן דוד זיצט אויבען-אָן,
אין גאָלד און אין זילבּער אָנגעטהאָן.
האַלט ער אַ בּעכער אין דער רעכטער האַנד,
מאַכט ער אַ בּרכה איבּער גאָר דעם לאַנד.
אמן ואמן, דאָס איז וואָהר:
משיח וועט קומען היינטיגען יאָהר.
ועט ער מיר קומען צו רייטען,
וועלען מיר האָבּען גוטע צייטען,
וועט ער קומען צו פאָהרען,
וועלען מיר האָבּען גוטע יאָהרען,
וועט ער קומען צו געהן,
וועלען אַלע מתים אויפשטעהן.

* *
*

זיצען, זיצען זיבּען ווייבּער
בּיים קוואַל און בּרונען,
בּיים קוואַל און בּרונען;
שפּראַכט איינע צו [illegible]ר אַנדערער:
— וואָלט מיין מאַן געקומען,
וואָלט איך זיך פערשטעלט
פאַר אַ האָז!
וואָלט איך געשפּרונגען
איבּער׳ן גראָז,

װאָלט מיר װאויל בעקומען,
װאָלט מיר װאויל בעקומען!

זיצען, זיצען זיבען װײַבער א. ז. װ.
...װאָלט איך זיך פערשטעלט
פאַר אַ בער!
װאָלט איך געשפרונגען
הין און הער,
װאָלט מיר װאויל בעקומען!

זיצען, זיצען זיבען װײַבער א. ז. װ.
...װאָלט איך זיך פערשטעלט
פאַר אַ קאַץ!
װאָלט איך געשפרונגען
איבער'ן פלאַץ,
װאָלט מיר װאויל בעקומען!

זיצען, זיצען זיבען װײַבער א. ז. װ.
...װאָלט איך זיך פערשטעלט
פאַר אַ מויז!
װאָלט איך געשפרונגען
איבער'ן הויז.
װאָלט מיר װאויל בעקומען!

זיצען, זיצען זיבען װײַבער א. ז. װ.
...װאָלט איך זיך פערשטעלט
פאַר אַ ביהן!
װאָלט איך געפלויגען
אַהער און אַהין.
װאָלט מיר װאויל בעקומען!

* *
*

קלאַפּ-קלאַפּ אין גאָלדען טהיר:
— מײן זים לעבען, עפען מיר!
— קלאַפען, קלאַפען זאָלסטו ניט!
עפענען װעל איך דיר אַודאי ניט!

גאזעבג.

— א רעגען געהט, א ווינד שפרייט,
וואו זאל איך אהינטהאן מיין זיידען קלייד?
— קעהר עס אום אויף דער לינקער זייט?
און לעג זיך שלאפען אויפ'ן גרינעם גראז!
— מיט וואס וועל איך זיך צודעקען
און ווער וועט מיך דאך אויפוועקען?
— דאס בלאט פון בוים וועט דיך צודעקען,
דער שטראהל פון זון וועט דיך אויפוועקען!

א. גאלדפאדען.

א תּפלה.

דו זיסער מלאך פון שלאף,
וויעג מיך מיט דיין ליעדעלע איין!
פערגעסען זאל איך אין דער שטראף,
פערגעסען אין מיין נויט און פיין!
מיט דיינע פליעגעלעך טרייב אוועק
מיינע צרות און שלעק.—

אדוני לי!
מיט מיר בּיסטו.
שענק מיר דיין רוה!
מיין נשמה נעהם צו
ביז אין דער־פריה,
נאר דיר טרוי איך זי!

דו גרויסער וועכטער דארט אין הימעל!
דיין טריי אויג איז דאך שטענדיג וואך,
ווען איך שלאף און ווען איך דרימעל:
היט מיך מיט דיינע קינדער גלייך!

מײַן נשמה איז דאָך פֿון דיר,
איבער נאַכט נעהם זי בײַ מיר!...

אַדוני לי!
מיט מיר ביסטו,
שענק מיר דײַן רוהה!
מײַן נשמה נעהם צו
ביז אין דער־פֿריה,
גאַר דיר טרוי איך זי!

מ. מ. וואַרשאַווסקי.

דאָס ליעד פֿון'ן הָעם ברויט.

גרויסער גאָט! מיר זינגען ליעדער,
אונזער הילף ביזט דו אַליין!
נעהמט צונויף די סנאָפּעס, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגעהן.

לאָז די זון אונז - בריהען, בראָטען,
זי האָט אונז געשײַנט צום גליק:
זעהט, דאָס ברויט איז אונז געראָטען...
קינדער, קײנמאָל ניט צוריק!...

גרויסער גאָט! דו העלפֿסט דעם מענשען,
אַז ער רופֿט צו דיר אין נויט!
זאָלסט אונז ווײַטער טאַקי בענשען
מיט הצלחה און מיט ברויט!...

לאָזען אונזערע קינדער וויסען
פֿון אַלעבען אויף דער וועלט,
אַז דאָס ברויט, אין יעדען ביסען,
איז פֿון אונזער אײגען פֿעלד!...

נעוּמנת.

גרויסער גאָט, מיר זינגען לידער,
דו ביזט אונזער הילף אַליין!
נעהמט צונויף די סנאָפּעס, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגעהן!...

מ. ראָזענפעלד.

אַרבייטער־ראַכאַנם.

ניִשט זוך מיך, וואו די מירטען גרינען,
געפינסט מיך דאָרטען ניִשט, מיין שאַץ;
וואו לעבענם וועלקען ביי מאַשינען —
דאָרטען איז מיין רוהע־פּלאַץ,
דאָרטען איז מיין רוהע־פּלאַץ.

ניִשט זוך מיך, וואו די פויגעל זינגען,
געפינסט מיך דאָרטען ניִשט, מיין שאַץ;
אַ שקלאַף בין איך: וואו קייטען קלינגען,
דאָרטען איז מיין רוהע־פּלאַץ,
דאָרטען איז מיין רוהע־פּלאַץ.

ניִשט זוך מיך, וואו פאָנטאַנען שפּריצען,
געפינסט מיך דאָרטען ניִשט, מיין שאַץ;
וואו טרעהרען רינען, ציינער קריצען —
דאָרטען איז מיין רוהע־פּלאַץ,
דאָרטען איז מיין רוהע־פּלאַץ.

און ליעבסטו מיך, מיין טרייסט, מיין טרייהייט —
צו ליידען נעהם זיך אָן, מיין שאַץ,
ביז וואַנען גלייכהייט, גליק און פריייהייט
ברענגען אונז איין רוהע־פּלאַץ,
ברענגען אונז איין רוהע־פּלאַץ.

א. רײזען.

דײַנע אויגען.

דײַנע אויגען לײַכטען, פֿינקלען...
ווען דו רעדסט פֿון נײַע צײַטען:
אַלע מענשען — זאַט און גליקליך,
ווען די אָרדנונג וועט זיך בײַטען.

און איך גלויב אין דײַן נביאות,
דאָך אין אויג מײַן שטעהען טרעהרען:
בײַ דער בעסטער אָרדנונג, ליעבסטע,
וועסטו אַלץ נישט מיר געהערען...

יצחק קאַצענעלענסאָן.

פֿערליעבטע.

אַ שטערענדיל בלינצעלט אין הימעל,
אַ מײדעלע בלאָנזשעט אין גאַס —
וואָס ציטערט דער גלאַנציגער שטערען!
פֿאַרוואָס איז דאָס מײדעלע בלאַס?

זײַ בײדע, זײ זענען פֿערליעבטע,
די נאַכט נאָר, די שטילע — זי הערט:
ווי ס׳שטערענדיל רופֿט זי אין הימעל,
ווי ס׳מײדעלע רופֿט׳ן אויף דער ערד.

אַמאָל אין אַ נאַכט־שעה אַ שטילע,
ווען ס׳גליהט אויף אין האַרצען די לוסט —
האָט ס׳מײדעל צוריסען איהר בלוזע,
בעוויזען דעם הימעל איהר ברוסט.

פערפלאַקערט האָט דעמאָלט דער שטערען,
געריסען פון הימעל זיך באַלד,
דאָס מײדעלע חלש'ט און זעהט נישט,
ווי ס'גלאַנציגע שטערענדיל פאַלט — — —

עלעגיע.

די זון פערגעהט אין פלאַמען.
די זון — מען זעהט זי קוים.
אַזוי פערגעהט מײַן האָפנונג,
אַזוי פערלעשט מײַן טרוים.

די נאַכט, די נאַכט איז פינסטער,
די נאַכט איז שטום און שוואַרץ:
אַזוי זעהט אויס מײַן טרויער,
אַזוי זעהט אויס מײַן האַרץ...

וועלט דו, וועלט דו, זאָרג נישט —
באַלד לײַכט אויף דײַן טאָג:
אײביג איז מײַן טרויער,
אײביג איז מײַן קלאָג.

צווייטע אבטיילונג.

דעקלאמאציע.

ש. פרוג.

א חדר-מעשה.

I.

זיבען יאהר איז מיר געוואָרען —
און די מאמע, זאָל געזונד זיין,
האָט געזאָגט: „נו צייט אין חדר,
צייט אין חדר געהן, מיין קינד!

אוים, אסוף, געגוג געהוליעט
אויף דער וועלט, ארומגעפלויגען
פריי און גליקליך, ווי א פויגעל,
פריש און פרעהליך, ווי דער ווינד;

צייט אין חדר, קדיש מיינער"! —
און אברהמיל דער בעהעלפער —
פון די חדר-קאנטאָניסטען
— דער בעריהמטער קאָמאנדיר —

האָט מיך איינגעהילט, פערוויקעלט
אין אנ'אלטען, געלען טלית
(אונזער אלטע אוניפאָרם,
אונזער יודישער מונדיר).

און אוועק מיט מיר אין חדר.
ס'איז געווען א וואונדער-שענער,
פרישער, ליכטיגער פריה-מאָרגען,
שען און ליכטיג, ריין און פריש —

האָבען שטראהלען זיך געגאָסען
דורכ'ן פענסטעריל אין חדר
און געפונקעלט אויפ'ן רבי'ן,
אויפ'ן סידור, אויפ'ן טיש.

און עס האָט זיך אָנגעהויבען
דער עקזאמען: „— זאָג נאָר, בחור,

וואָס איז דאָס?" — אַנ'אַלף. „ריכטיג,
דאָס?" — אַ הײ, „—און דאָס?—אַ תּו.

און בײַ יעדען אות, פֿאַר יעדען
ענטפֿער, פֿאַלען מיר פֿון אויבען
לעקעך, ראָזינקעס, קאָנפֿעקטען,
נים און מאַנדלען אָהן אַ סוף.

און דער רבי, רב בנימין
(זאָל אַ ליכטיגען גן-עדן
האָבען) זאָגט: „דו זעהסט? דאָס וואַרפֿען
דיר מלאכים, ליעבעס קינד,

זאָלסט מיט חשק לערנען תּורה,
לערנען תּורה, לערנען חכמה,
און געדענק, מײַן קינד, ווער ס'וויל ניט
לערנען, בלײַבט אויף אײביג בלינד"...

II.

טעג און יאָהרען, לאַנגע יאָהרען
זענען שוין אַוועק פֿון דעמאָלט...
איך געדענק דעם רבי'ס ווערטער,
איך געדענק זײ גוט און קלאָר!

„לערנען תּורה, לערנען חכמה;
בלינד איז דער, וואָס וויל ניט לערנען"...
אמת, רבי, אמת, אָבער —
ווילדע זאַכען קומען פֿאָר,

שרעקליך-ווילדע, און זײ ברענען,
שטעכען, עגבערען מײַן מח...
איצט, ווען לערנען איז מײַן חיות,
לופֿט און וואַרימקײַט פֿאַר מיר,

ליכט און קראַפט און טרייסט און לעבען,
אין מיין ביטערן, פערסמ׳טען
שקלאַווען-לעבען,--איצט פערשליסט זיך,
האקט זיך-צו פאר מיר די טהיר,

לעשט זיך-אויס דאס לעצטע לעמפעל,
און עס הויבען-אן צו פאַלען
אָהן א צאָהל פון אלע זייטען,
פאַלען שיטען זיך ווי באָב

שטיינער, שטיינער!... גרויסע, שווערע
שטיינער שיטען זיך און פאַלען
אויף מיין ברוסט, אין מיינע אויגען,
אויף מיין אַלטען, גרויען קאָפ...

און זיי פליהען און זיי פאַלען,
ווי אַ האָגעל אויף די שוואַכע,
גרינע זאַנגען, ווי אַ האָגעל,
אָהן אַ צאָהל און אָהן אַ מאָס...

וואָס-זשע איז דאָס? וואָס בעטייט עס?
איז דען מעגליך, אַז מלאכים
זאָלען שטיינער וואַרפען?!... רבי!
רבי! ווי געשיקט זיך דאָס?...

נאָר ניטאָ, ניטאָ קיין ענטפער,
וואָלקענס שוועבען אויפ׳ן הימעל,
טייכען פליסען, ווינדען רוישען —
און קיין איינציג וואָרט

הערט זיך מיר ניט אין דער פינסטער....
אוי, ניטאָ, ניטאָ קיין ענטפער
פון דעם רבי׳ס שטומען קבר,
פון דעם אַלטען הייליג אָרט!...

ווינטער לידער.

I.

די באָבעניו זיצט מיט'ן זאָק אין דער האַנד.
דאָס לעמפּעלע צאַנקט. פון די שפּיזען
צעוויגען זיך, לויפען אַרום אויף דער וואַנד
אי חיות, אי פויגעל, אי ריזען...

די באָבעניו שוויַיגט... אַלע מעשיות שוין לאַנג
אונז איבערדערצעהלט פאַר'ן זומער...
אין האַרצען ביַי איהר ליעגט אַ גיפטיגע שלאַנג,
אַ טיעפער, אַ גליהענדער קומער...

אין דרויסען איז פינסטער, אין דרויסען איז קאַלט,
דער שניי האָט די סטעזשקעס פערשאָטען...
אַנ'אומעטיג בילד, אַ פערטרויערט געשטאַלט
שוועבט לאַנגזאַם און שטיל ווי אַ שאָטען...

די אַלטיטשקע זיצט ביַי דעם לעמפּעלע, שווער
און טיעף איז איהר רוקען געבויגען...
זי זיפצט און זי שעפּטשעט... אַ טרעהר נאָך אַ טרעהר
בעלויכטען די דונקעלע אויגען...

II.

— אוי, נעסטעלעך, נעסטעלעך פוסטע! מיט שניי
פערשאָטען, פערגליווערט געוואָרען...
עס פליהען די ווינדטען און קל[illegible]ען אויף זיי
און רוישען און גרימען מיט צאָרן...

„אוי, פויגעלעך ליעבע! וואו זענען זיי איצט?
אַוועק איבער בערג, איבער מעערען,
אַהין, וואו דער מאָרגען־שיַין פונקעלט און בליצט
און שמייכלען די גאָלדענע שטערן,

„אהין וואו די לופט איז געזונד, ריין און פריי,
וואו שניי־ווייסע וואלקענס נור שוועבען,
צו אנהויבען דארט פון דאס ניי, פון דאס ניי
א פרייעס, א גליקליכעס לעבען.

„דער ווינטער איז לאנג, נאר דער שניי וועט צוגעהן
דער גאלדענער פריהלינג וועט קומען,
דער הימעל וועט ווערען אזי ליכטיג, אזי ריין,
די גערטנער בעשאטען מיט בלומען,

„די ערד אין איהר אלטען, געוועזענעם גליק
וועט ווידער אזי שיינען, אזי בליהען —
און פרעהליך אהער וועלען קומען צוריק
די פויגעלעך ווידער צופליהען...

.III

„אוי, קינדערלעך מיינע, פון ווינדטען און קעלט
פערגליווערטע, קראנקע נשמות!...
זיי זענען אוועק ערגיץ דארט אויף דער וועלט
צו זוכען הצלחות, נחמות;

„זיי זענען אוועק אין א פינסטערע צייט,
אין שווערע און ביטערע יאהרען,
און זייער געבורט־ארט איז פרעמד שוין און וויים
פון זייערע אויגען געווארען.

„צי האבען זיי דארטען שוין נעסטען געבויט
צו פיהרען א פרייען, א זיסען,
א ליכטיגען לעבען, פון שרעק און פון נויט,
פון קעלט און פון ווינדטען ניט וויסען,

„און אפשר אויך דארט איז ניטא וואו פאר זיי
צו צוטוליען זיך מיט'ן אלטען
פערמאטערטער קאפ, און פון קעלט און פון שניי
די עלענדע ברוסט צו בעהאלטען,

„קיין איינציגער טראָפּען אין לייד און אין פּיין
ניטאָ צו בעפרישען דעם גומען...
אַיינם ווייס איך: ווי שלעכט עס זאָל דאָרטען נישט זיין —
צוריק וועלען זיי שוין ניט קומען...

* *
*

„דער פראָסט ווערט אַלץ גרעסער; זיין אייז-קאַלטער פלום
צוגיסט זיך פון אַלע פיער זייטען...
פערוואָגעלטע פויגעלעך מיינע! אַ גרוס,
א היים-ליעבען גרוס אייך פון ווייטען"...

הערבסט-ליעדער.

ווי נאַס און פינסטער איז דער וואַלד,
ווי וועניג בלומען איז געבליבען:
איין בינטעל פאַר אַ גאַנצען טאָג
האָב איך זיי קוים צונויפגעקליבען.

ווי שוואַך, ווי דונקעל זענען זיי,
פערשוואַרצט פון קעלט, פערנעצט פון רעגען!..
אויף וועמעס קבר זאָל איך איהם,
דעם לעצטען קראַנץ אַנידערלעגען?

איין-איינציג קרענצעלע האָב איך,
אַזוי פערוויאַלעט, שוואַך און אָרים,
און דאָ אויף יעדען, יעדען טריט
זעה איך צושפּרייט אַזוי פיעל קברים!...

מיט הונדערט רינגען, הונדערט הענד
האט מיך דער טויט ארומגענומען —

דעקראַמאַציע.

וואוהין־זשע זאָל איך לעגען דאָ
דעם לעצטען קראַנץ, די לעצטע בלומען!...

* *
*

מיין ליעד, מיין טרויעריגעס ליעד!
דו ביסט דאָס קליינע קרענצעל בלומען.
צו־לאַנג געוועזען אין מיין וועג,
צו־שפּעט בין איך מיט דיר געקומען...

ד. פרישמאַן.

זעקס.

(אַ דראַמע אין פיער אַקטען).

שען־רחל זיצט ביים פענסטער
און שטיקט איהר שטיקעריי. —
זעקס לעקלעך אויף דעם שטערען:
פון יעדער זייט צו דריי.

אַ יונג, אַ חוואַט מיט ביינער
געהט גראָד אין גאַס פאַרביי: —
זעקס הערלעך אין דער וואָנסע:
פון יעדער זייט צו דריי.

דער יונג הויבט אָן מיט רחל'ען
אַ גאַנצע מאַלעריי: —
ער וואַרפט איהר צו זעקס קושען:
פון יעדער זייט צו דריי.

דער טאַטע קומט און זעהט דאָס
און שרייט מיט כעס: איי־איי!
און גיט דעם יונג זעקס גאַנצע —
פון יעדער זייט צו דריי.

פאר משיח'ן.

I.

בײ דעם ירדן שטעהט א קוזניע;
און דער קאוואל אין דער קוזניע
שטעהט בײ דער מלאכה.
מיט דעם בלאז־זאק בלאזט ער דארט,
פאך־פאך! פאך־פאך! — בלאזט ער דארט,
און מיט גליק און ברכה.

דױט אויף דער קאוואדלע גליהען
טהוט דאס אײזען; טהוט זיך ציהען,
קאכען הײם און זידען,
און דער האמער קלאפט דערויף,
הוק־הוק! הוק־הוק! קלאפט דערויף,
קלאפט און טהוט עס שמידען.

קלאפ־זשע, קאוואל! לאזען שפריצען,
לאזען טויזענד פונקען בליצען,
פליהען װי מלאכים:
פון דעם האמער צוקט א בליץ,
פלים־פלאם! פלים־פלאם! צוקט א בליץ
און עס דונערט נאך איהם.

וואס־זשע, קאוואל, שמידסט דו דארטען?
—„כ'שמיד פון מײנע בעסטע סארטען,
בין זיך דא מטריח:
די פאדקאווע מאך איך פאר'ן
הורא! הורא! מאך איך פאר'ן
פערדיל פון משיח!"

II.

בײ דעם ירדן שטעהט א וועבשטוהל;
און דער וועבער אויף דעם וועבשטוהל
שטעהט בײ דער מלאכה,

בוימט די קעטע אויף דעם בוים,
וויק-וויק! וויק-וויק! אויף דעם בוים,
בוימט מיט גליק און ברכה.

פון דעם וועבער-לאָדען פעדעם
שלעפט ער איצט צונויף, און יעדעם
ציהט ער דורך די קאמען;
טרעט איצט פלייסיג אויף דער שאפט,
טריפ-טראפ! טריפ-טראפ! אויף דער שאפט,
שיסט דעם שום צוזאמען.

קוים צו זעהן מיט די אויגען
לויפט די שיף; א פייל פון בויגען
לויפט דאס וועבער-שיפעל:
פלינק אהין און פלינק אהער,
ציק-צאק! ציק-צאק! פלינק אהער,
און מען זעהט ניט וויפיעל.

וואס-זשע, וועבער, וועבסט דו דארטען?
— „כ'וועב פון מיינע בעסטע סארטען,
ביין זיך דא מטריח,
און דאס מלבוש מאך איך פאר'ן —
הורא! הורא! — מאך איך פאר'ן
הייליגען משיח!"

.III

ביי דעם ירדן זיצט א שטיקער
פאר דער שטיקעריי; דער שטיקער
פהוט איצט זיין מלאכה.
אויף דער קאנווע שטיקט ער איצט,
פיק-פיק! פיק-פיק! שטיקט ער איצט,
און מיט גליק און ברכה.

צעהלט די שטיק און צעהלט די אויגען,
אויף דער ראמקע אויפגעצויגען
זענען זיידען-שפיצען;

זײַד און גאָלד און זילבערוואַרג,
צאַ־צאַ! צאַ־צאַ! זילבערוואַרג,
און מען זעהט עס בליצען.

קלעפּעל־שטיק און אפּליקאַציע,
קעטעל־שטיק און מיט פּונקטאַציע,
גאַנץ און אויך געבראָכען, —
אַלעס, אַלעס מאַכט ער דאָרט,
שטיך־שטאָך! שטיך־שטאָך! מאַכט ער דאָרט,
קלײַן און פּײַן געשטאָכען.

וואָס־זשע, שטיקער, שטיקסט דו דאָרטען?
— „כ׳שטיק פון מײַנע בעסטע סאָרטען,
בין זיך דאָ מטריח,
און די פאָהן, די מאַך איך פאַר׳ן —
הוראַ! הוראַ! — מאַך איך פאַר׳ן
מלך המשיח!"

.IV

אין דעם הימעל זעקס מלאכים
ראַישען פלינק; און די מלאכים
טהוען זײַער מלאכה.
פאַר גאָטס שטוהל דאָ שטעהען זײַ,
הוראַ! הוראַ! שטעהען זײַ,
בעטען גליק און ברכה.

אַלעס בעסטע, אַלעס שענסטע,
אַלעס פײַנסטע, אַלעס רײַנסטע,
עדעלסטע און נײַע. —
אַלעס דאָס, דאָס נעהמען זײַ, —
הוראַ! הוראַ! — נעהמען זײַ,
און אויך אַלעס פרײַע.

אַלעס מיטלײַד מיט דעם קראַנקען,
שוואַכען מענש און אויך אַ בלאַנקען,
שטאַרקען גײַסט, אַ פרישען, —

אַלעס דאָס, דאָס נעהמען זײַ, —
הורא! הורא! — נעהמען זײַ
און זײַ טהועָן עס מישען.

וואָס, מלאכים, מאַכט איהר דאָרטען?
— „מאַכען פֿון די בעסטע סאָרטען,
זײַנען זיך מטריח;
די נשמה מאַכען מיר —
הורא! הורא! מאַכען מיר
פֿאַר דעם הער כ ש ח:

דאָך! אַך, וועה אונז, וועה אונז אַלע!
פֿאַרטיג האָבען שוין, אַך, אַלע
אַנדערע די מלאכה;
מיר אַליין נור זעהען נישט,
וועה אונז! וועה אונז! זעהען נישט
נאָך קיין סימן ברכה!

נישט געַנוג איז מן הסתמא
פֿאַר אַזעלכענע נשמה
אַלע אונזערע שטאָפֿען;
האָבען אפשר אַליין מיט זײַ,
וועה אונז! וועה אונז! אַליין מיט זײַ
נאָך נישט גוט געטראָפֿען.

נישט געַנוג איז נאָך דאָס רײַנע,
נישט געַנוג מסתם דאָס שענע,
נישט דער שטאָף דער עלטער;
אפשר איז גאָר אויך דער קרעלץ,
וועה אונז! וועה אונז! אויך דער קרעלץ,
גאָר נאָך נישט דער רעכטער!“

און עס וויינען די מלאכים;
און אַ קרעכץ, אַ צוויטען נאָך איהם,
הער, אַ ביטערליכען —
פֿאַרטיג ביז הײַנט איז נישט די,
וועה אונז! וועה אונז! איז נישט די
נשמה פֿון משיח׳ן!

* *
*

פרעמד צווישען די פרעמדעסטע מענשען,
דרעה איך זיך עלענד ארום.
זיי קוקען מיך אן פערוואונדערט:
מיין וועהטאג איז שטיל און שטום.

און זאל איך דערצעהלען מיין וועהטאג,
ווער וועט איהם פון אייך דען פערשטעהן?
און זאל איך מיין וואונד אייך אויך ווייזען,
איהר וועט גאר נישט האבען געזעהן.

שוין פאלען די בלעטער, די געלע,
שוין בלאזט גאר רויה דער ווינד —
וואס ווייסען די מענשען, די פרעמדע,
וואס עס פעהלט דיר, אומגליקליך קינד?

נישט ווייט פון א בוים א שטארקען,
ליגט אבגעבראכען א צווייג;
איהם חלומ'ט פון בוים נאך אצונדערט —
איך קוק אויף איהם שמערצליך און שווייג.

איך זעה פיעל טויזענד שוואלבען,
זיי פאהרען קיין דרום אהין —
אוי, נעהמט מיך דאך מיט, איהר חברים,
אוי, קראנק, אוי, ווי קראנק איז מיין זין.

י. ל. פרץ.

רענעסאנס.

(די טונקעלע סצענע ווערט לאנגזאם העלער.

הערט, ווער עס האט אויערן!
זיין ליעבער נאמען וואכט!
בלייך און בלייכער ווערט די נאכט, —
עס ווערט א נייער טאג געבוירען!

(פון אונטער דער סצענע א שטיל מארגען־געזאנג.

אין מזרח רויטעלט זיך די גאלדענע שארפע —
דער נייער טאג הויבט אן צו בליהען —
און די מארגענשטערן זינגען!

(אין ארקעסטער וועקט זיך די ציטער.

וואס פאר א סטרונעס קלינגען?
וועמ'ס פינגער ציהען
איבער דוד המלך'ס פערגעסענער הארפע?

(עס הערט זיך דער הארן.

און דער שופר — שוין נישט וויט פון דאנען! — וועקט!
און רחל! רחל איז פון קבר אויפגעשטאנען און שטרעקט
מיט דאנק צום הימעל אויף די הענד!

(דאס מארגענליעד דעקט די ציטער מיט'ן הארן.

וואונדער! וואונדער ווי פערצייטען, וואונדער ווי אמאל!
מתים שטעהען אויף אין יחזקאל'ס טהאל!

(די מוזיק שטארבט אב.

און זעה — זעה!
אין מדבר פלאקערט איף דער סנה!

(די מוזיק ווערט שטילער און שטילער.

האט איהר איהם דערקענט? אייך און איהם דערקענט?!
דאס איז דער, וואס ברענט און ווערט נישט פערברענט?!

מײַן ניט...

מײַן ניט, די וועלט איז אַ קרעטשמע — בעשאַפֿען:
צו מאַכען אַ וועג זיך מיט פֿויסטען און נעגעל
צו׳ם שענק־פֿאַס, און פֿרעסען און זויפֿען, ווען אַנדערע
קוקען פֿון ווײַטען מיט גלעזערנע אויגען,
פֿער׳חלש׳ט און שלינגען דאָס שפּײַעכץ און ציהען
צוזאַמען דעם מאָגען, וואָס וואַרפֿט זיך אין קרעמפּפֿען—
אָ, מײַן ניט, די וועלט איז אַ קרעטשמע!

מײַן ניט, די וועלט איז אַ בערזע בעשאַפֿען:
דער שטאַרקער זאָל האַנדלען מיט מידע און שוואַכע,
זאָל קויפֿען בײַ אָרימע מײַדלעך די בושה,
בײַ פֿרויען די מילך פֿון די בריסטען, בײַ מענער
דעם מאַרך פֿון די בײנער, בײַ קינדער דעם שמײכעל,
דעם זעלטענעם גאַסט אויפֿ׳ן וואַקסענעם פּנים — —
אָ, מײַן ניט, די וועלט איז אַ בערזע!

מײַן ניט, די וועלט איז אַ הפקר—בעשאַפֿען:
פֿאַר וועלף און פֿאַר פֿוקסען, פֿאַר רויב און פֿאַר שווינדעל.
דער הימעל—אַ פֿאָרהאַנג, אַז גאָט זאָל ניט זעהען;
דער נעבעל— מען זאָל אויף די הענד דיר ניט קוקען;
דער ווינד—צו פֿערשטיקען די ווילדע געשרײַען;
די ערד — אײַנצוזאַפּען דאָס בלוט פֿון קרבנות —
אָ, מײַן ניט, די וועלט איז אַ הפקר!

די וועלט איז קײן קרעטשמע, קײן בערזע, קײן הפקר;
געמאָסטען ווערט אַלעס, געוואויגען ווערט אַלעס;
קײן טרער און קײן בלוטיגע טראָפּען פֿערגעהען,
אומזיסט ווערט קײן פֿונק און קײן אויג ניט פֿערלאָשען;
פֿון טרערען ווערען טײַכען, פֿון טײַכען ווערען ימים,
פֿון ימים—אַ מבול, פֿון פֿונקען—אַ דונער, —
אָ, מײַן ניט, לית דין ולית דין!...

ביי דעם פרעמדען חופה-קלייד.

(א סצענע פון ווארשויער לעבען).

אין א מאדע-מאגאזין.

פערזאנען: מאדאם, צוויי מאדיסטקעס
און האנד-מיידלעך.

מאדאם.

היינט ווערט געשטעפט און גענעהט,
היינט וועט מען לעדיג ניט זיצען!
טורי—טורי—טורי!
זעהט נור די גאזען, די שפיצען!
זעהט, ווי דאס זיידענס וועט בליצען!

א שלעפע וועט זיין גאר א מורא!
אודאי צעהן איילען די שלעפ!
היינט נאך — בריליאנטענע קנעפ!
זעהט — מען געטרויט אזא סחורה!

האנד-מיידלעך (כאר).

אט האט איהר א וואונדער,
כ׳לעבען קיין שפאס:
צי הייסט דען נישט „פאווע" —
יא פאווע — די גאס.

וואו ס׳שטעהט זיך א מויער,
גאנץ געלבליך און בלייך,
דאך פעסט ווי א פעלזען
דריי שטאק אין דער הייך!

די פענסטער — אין אייזען,
די טויער׳ן פערמאכט...
עס גערט נאך א זעלנער
ארום אויף דער וואכט!

אוי! דאָרטען צו וואוינען
איז טרויעריג און באַנג!
עס שלאָגט דורך די מויערן
דאָס קייטען־געקלאַנג...

עס קלינג אַזוי טרויעריג:
דין־דאָן און דין־דאַם!
אָ, ריהרט נישט דאָס זיידענם,
ניט־טשעפּעט מאַראַם!

די ערשטע מאָדיסטקע.

סאַטען־דע־ליאָן... און די שפּיצען, די גאַזען,
עס פעהלט נאָך בריליאַנטען צום רומעל...
דיוואַנען און בלומען, און לאָמפּען... די כלה
וועט אויסזעהן — אַ מלאך פון הימעל!

האַנד־מיידלעך (כאָר).

נישט קיין גראָשען פאַר דער דירה,
און אין מויל קיין ביסען.
כ'וויל ביי'ם מלאך פאָרשום בעטען!
ניין, זי וויל נישט וויסען.

מלאך, גיעב פאָראויס אַ רובל!
ניין, זי גיט נישט פריהער!
כ'וויל פערצעהלען איהר פון הונגער, —
וויזט זי מיר די טהיר!

אוי, עס זעצט מיר אין די שלייפען,
דאַכט זיך מיר, אַט פאַל איך,
„נור אָהן קונצען, נור אָהן פאָקסען, —
לאַכט מיך אויס דער מלאך!"

. . . .

אוי, מיך האָט דעם מלאך'ס לאַכען
ביז אַ היים געהעצט!
און איך האָב דעם מלאך'ס זיידענם
אויף אַ ברויט פערזעצט!

און עס איז אראבגעפאלען
פלוצלונג, ווי פון הימעל,
אוי, דער מלאך מיט א לאפאץ,
טאקי ווי צום רומעל!

און מיך האט פערזארגט דער מלאך
אויף די גרויסע פרעסט,
אוי, אויף גאנצע דריי חדשים
מיט קווארטיר און קעסט.

די צווייטע מאדיסטקע.

בלאס איז דאס זיידענצייג, פונקט ווי מיין פניםʼעל,
דורכזיכטיג — דין ווי מיין הויט...
ריהרט מען עס, קרעכצט עס „אוי!" פונקט מיינע ביינדעלעך —
דאס הייסט א גליקליכע מויד!

היינט וועלען קומען בריליאנטענע קנעפליך,
גרויסע, ווי ארימע טרערען!
נו, אייל דיך, רעדעלע, אייל דיך, טרעקאטשע,
כʼזאל מיינע ביינדלעך נישט הערען!

טראך־טראך־טראך, ביינדעלע! טור־טור־טור, רעדעלע!
שלאג מיר דאך גלייך מיטʼן זייגער...
טראך־טראך־טראך, ביינדעלע! טיר־טור־טור, רעדעלע!
ווען וועלʼמיר רוהען א שטייגער?

האנד־מיידלעך (כאר).

עס איז פארהאן א שטיבעלע
אויף א שטילער גאס!
סʼהאט קיין טהיר, קיין פענסטעריל —
אייביג שטיל און נאס!

חאטש מען צאהלט קיין דירה געלד,
ווארפט מען ניט ארויס!
דארטען רוהʼן אויף אייביג שוין
די ביינדעלעך זיך אויס!

פון קיין טשעפען וואס מען נישט,
עס ווערט שוין נישט גענייט,
צום שטיבעלע קומט איטליכער
אויף אייביג שוין בעקלייד!

די צווייטע מאדיסטקע.

שטעפ, נאדעל, שטעפ די בראבאנדערנע שפיצען—
פאר איהר, פאר איהר!
הכריכים׳לעך וועסט דו נאך גיך און באלד שטעפען —
פאר מיר, פאר מיר!

עס בליצען בריליאנטען, עס שמייכעלט די כלה׳שי—
שען אזוי, ליעב!
ווען וועט א שמייכעל מיין פנים בעשיינען?
אין גריב, אין גריב!

ער וועט זי טוליען, צוקנייטשען די שפיצען
אין הארציגען שטורם!
ער וועט זי טוליען, צוקנייטשען די שפיצען
א ווארם, א ווארם!

„לוסטיג לעבען" (א יונג האנד-מיידעל).

וואס פער׳סס׳ט איהר מיר דאס לעבען?
זיינגט נישט אזוי שרעקליך!
כ׳האב קיין סאמעט און קיין אטלאס —
נור די רויטע בעקליך!

כ׳האב קיין שפיצען, קיין בריליאנטען,
ווייס איך, וואס זיי טויגען!
כ׳האב א האלז, איין אלאבאסטער,
צוויי בריליאנטען — אויגען!

כ׳דארף קיין פערל, זעהט די ציינדלין,
אך — ווי זיי געפעלען!
און די יונגע, פרישע ליפלעך
זענען מיינע קרעלען!

פֿעלט מיר גאָלד רעז ? זעהט די לאָקען !
און וואָס גליק איז—ווייס איך !
לאָזט מיך לאַכען, לאָזט מיך לעבען,
„לוסטיג־לעבען" הייס איך !

האַנד־מיידלעך (אויסער לוסטיג־לעבען).

אויף יעדער גאַס, אין יעדען הויז,
שטעהט אַ קאַסטען מיסט !
קלויבען לאָזט מען פֿראַנק און פֿריי
שמאַטעס גאָר אומזיסט !

און—ווערט „לוסטיג־לעבען" אַלט,
ווייסט איהר, וואָס איהר גליסט ?
מאַכט אַ שטעקעלע זיך פֿיין,
גראַבילט זיך אין מיסט !

די ערשטע מאָדיסטקע.

יונגערהייד אַ העזעלע,
געשפּרונגען און געקושט ;
צונד האָט עס קיין נעזעלע
און קיין גומען נישט !

די צווייטע מאָדיסטקע.

זי וועט זיצען צווישען בלומען
אויף אַ דיוואַן — רייך !
און מיר מאַכט אויף דר'ערד אַ ביסעל
שטרוי נור גלייך !

זי דאַרף שפּיגלען, זשיראַנדאָלען,
לאָמפּען אַלערליי ;
מיר צו קאָפּענס — גראָשענדיגע
ליכטלעך צוויי !

אָהן מוזיק אויף פֿיהרט מיך לעגען,
ווען איך היינט ביינאַכט,

ווילט איהר דוקא — ווייגט אביסעל,
ווילט איהר — לאכט!

מאדאם.

שטילער, שטילער, שטילער,
שטיל איין אויגענבליק!
טורייַ—טורייַ—טורייַ!
אט, דאס הייסט מוזיק!

וואס האט איהר פון די ליעדער?
דריקעניש נישט מעהר!
עס ציטערן די ברעמען,
אט, אט, פאלט א טרער...

און אז טרערען פאלען,
פון דער שווערער נויט, —
אויף די ווייסע קליידער,
ווערט א פלעק אויף טויט.

טורייַ—טורייַ—טורייַ!
אט, דאס הייסט מוזיק —
האט איהר ניט קיין אייגענס,
זינגט פון פרעמדען גליק!

אלע (כאר).

עס איז געווען א מיידעלע,
א מיידעלע, א פראכט,
עסען עסט עס יעדען טאג,
שלאפט זיך יעדע נאכט!

ליפעלעך האט זי רויטינקע,
רויטינקע, וואס נישט?
נאך נישט קיין צוביסענע,
נאך נישט אויסגעקישט.

און זי האלט דאס קעפעלע
חנ׳עוודיג און שטאלץ! —

זאָרגט עס אויף אַ ברייטעלע,
קויהלען אָדער האָלץ?

און אייגעלעך — פער׳חלומ׳טע,
בלומעלעך געְנוי!
בלומעלעך, און כלה־חן
ליעגט אויף זיי, ווי. טוי!

צונד נעהען מיר דעם מיידעלע—
צו מזל און צו גליק
אַ זיידען חופה־קליידעלע,
אַ קליידעלע אַ שיק!

מען וועט איהר געְ׳ן אַ מאַנעלע
אַי, דעם יונגען בלוט...
אַי—אַי—אַי! דעם מאַנעלע
קאָנען מיר דאָך גוט!

מאַדאַם.

אוי, נאַרישע קנאָה!
איך קען דיך פון לאַנג,
איך קען אויך דיין צינגעל —
די גיפטיגע שלאַנג!

אוי, נאַרישע קנאָה!
די גאַל איז דיין האַרץ —
גאָלד וואָס איז? בלאָטע!
דער שניי איז דיר שוואַרץ.

די זון האָט דאָך פלעקען,
די שטערן — צו קליין!
מיינט: זי פרעסט יענעם,
און פרעסט זיך אַליין!

אַלע (באָר).

עס איז געווען אַ מאַמעלע,
אַ מאַמעלע, אַ פיינס!
זי האָט געהאַט אַ טעכטעריל,
אַ טעכטעריל אַ קליינס!

און עס האָט דאָס מאַמעלע
דאָס טעכטערל געקישט,
געקישט, געהאַלזט, געוואָרענט עס:
זײַ קײן נאַשער נישט!

קוק נישט אויף קײן אײַנגעמאַכטס,
די אויגען האַלט פֿערגלײסט!
טו נור וואָס דער טאַטע וויל
און וואָס די מאַמע הײסט!

אין וואָס גוטע, פֿרומע לײַט
עס ראַטען דיך, מײַן קינד!
זעהסטו נאַשען, קוק אַוועק!
בעסער — מאַך דיך בלינד!

זאָגט מען, חס ושלום, דיר:
„אײַנגעמאַכטס איז זיס!".
זאָלסט דו ווערען פֿײַער-פֿלאַם,
טופּען מיט די פֿיס!

פֿאַר דאָס וועל איך שפּעטער דיר
קויפֿ'ן אויפֿ'ן מאַרק,
אם ירצה השם, אַ ניסעלע,
ווײסט, איך בין נישט קאַרג!

פֿאַר אַ גאַנצען גראָשען געלד —
אַ ניסעלע פֿון גאָלד,
פֿאַר דיר אַלײן אַ ניסעלע,
ווערסט עס האָבען האָלד!

פֿאַר אַ גאַנצען גראָשען געלד
אַ נוס פֿאַר דיר אַלײן...
און דו ווערסט עס קושען פֿרײַ
און קנאַקען מיט די צײן.

און עס פֿאָלגט דאָס טעכטערל,
וואָס טאַטע-מאַמע הײסט

אוּן זי האַלט אַ גאַנצען טאָג
די אייגעלעך פערגלייסט,

רויטעלט זיך, אז איינגעמאַכטס —
זאָגט מען איהר — איז זיס,
ס׳צאַפּעלט איהר דאָס הערצעלע —
זי טופּעט מיט די פיס!

עס קומט די צייט, דאָס מאַמעלע
האַלט איהר וואָרט, נישט קאַרג!
פאַר אַ גאַנצען גראָשען געלד
קויפט זי איהר אין מאַרק

אַ פערגאָלדעט ניסעלע,
אַי, ס׳איז מלא חן!
מיט ציטערדיגע הענטעלעך
חאַפּט ז׳עס אויף די ציינהן!

חאַפּט עס אויף די ציינהן און קנאַקט —
אָי! די נוס איז פויל,
עס שפּייט און שפּייט דאָס ווייבעלע —
טאַבאַק פול אין מויל!

— מאַמע, ווייגט דאָס טעכטעריל,
די יאָדערע וואו איז?
„מאַמעשי״ און „מאַמע-קרוין״,
איז דאָס דער טעם פון ניס? —

דאָס האַרץ טהוט וועה דעם מאַמעלע;
דאָס פּנים מאַכט זי גלאַט: —
„עס איז אַזוי! דיין מאַמעלע
האָט אויך אַזוינס געהאַט״!

מאַדאַם.

נישט דאָרט איז גליק, וואו ציערונג בליצט,
וואו עדעלשטיין מיט פונקען שפּריצט,

ניִשט אַלץ איז גאָלד, וואָס בלאַנקט און גלאַנצט,
ניִשט דאָס איז פרייד, וואָס לאַכט און טאַנצט.

עס מיידט גאַניץ אָפּט דאָס גאָלדענע בעט
דער שלאָף; דעם גרויסען זאָל — די זעט,
ווי אויך דאָס גליק דעם זאַק מיט געלד, —
דאָס ווייסט שוין לאַנג די גאַנצע וועלט!

די ערשטע מאָדיסטקע.

אַמאָל איז געוועזען, נאָר וואו? מן הסתם
דאָרט ערגיץ אין בויבערג, אויף יענער זייט ים!
— צו איז געוועזען? איהר פרעגט נאָך, איהר קלערט?
איך האָב עס אַליין פון מיין באָבען געהערט!

די מאַמע איז געשטאָרבען — דער טאַטע ז'אוועק,
די טרויריגע ווינטער־נאַכט האָט גאָר קיין עק!
די פענסטער — פערקאָוועט, די טהיר איז פערשנייט,
און ס'רייסט זיך דער ווינד ווי אַהונד אויף דער קייט!

הורורו — הורורו — וואָיעט און קלאָגט.
דאָס הארץ איז דערשראָקען, עס ציטערט עס נאָגט...
„באָבע!” זי הערט נישט, נור „דיא־דיאָם־דיאָם!”
די טויבע פערצעהלט מיר פון יענער זייט ים!

אַלע (כאָר).

געננג שוין הקדמות,
נישט פלוידער, נישט קוועל;
פערגעס אין דער באָבען,
די מעשה פערצעהל!

די צווייטע מאָדיסטקע.

אויף יענער זייט ים איז געשטאַנען אַמאָל
אויף היהנערנע פיסלעך אַהייזעל אין טאָל,
געשטאַנען זיך פראָסט, אָהן עזות, אָהן שטאָלץ,
אָהן פוצעכץ, אָהן ציערונג — פון ליים און פון האָלץ

א פֿענסטער א קלײנטשיקס, נור חנ׳עװדיג האָלד,
די זון, זי בעשיט עס טאָג־טעגליך מיט גאָלד!
לבנה און שטערען
פֿערהאַלטען זיך גערן
און מאָלען מיט זילבער די שויבען!

דאָס האָט דער הימעל די ליעבע בעלױנט!
עס האָבען אין הײזעל צװײ ברידער געװאױנט!
עס האַלטען צװײ הערצער צוזאַמען געטרײ,
שװער איז די אַרבײט, נור ס׳אַרבײט זיך פֿרײ!
װײס איז דאָס מעבעל, מיט קלײען דאָס ברױט,
נור אַלץ איז בשותּפֿות — די פֿרײד און די נױט!
עס האָט זיך געלעבט,
די צײט האָט געװעבט
איהר לאַנגען, איהר כשר׳ן פֿאָדעם!

נור אײנמאָל בעװײזט זיך א גאַסט אויף דער שװעל,
פֿול גינגאָלד, שמאַראַגדען, עס פֿונקעלט זײן פֿעל!
די שלאַנג איז געקומען מיט גלאַנץ און מיט פּראַכט;
דער עלטערער ברודער דערזעהט זי און טראַכט:
עס איז אויף דער װעלט דאָך עשירות פֿאַרהאַן!
װען איך האָב אַ שמאַראַגד, איך, אָרימער מאַן?
כ׳פֿערקויף איהם, װאָס ניט?
כ׳װאָלט אויפֿ׳ן יריד
געקויפֿט מיר צו מעלקען א קוה!

די שלאַנגען — זײ װײסען, װאָס ס׳טראַכט זיך בײ לײט,
זי װינקט איהם און רופֿט איהם אַװעק אין א זײט,
און זאָגט איהם, אַי, ברודער, װאָלסט דו נאָר געװאָלט,
װאָלסט דו געהאַט שוין פֿיעל פֿעסער מיט גאָלד,
קרעלען, דיאַמאַנטען, ברילּיאַנטען א װעלט,
און אַלץ, װאָס מען קאָן נור בעקומען פֿאַר געלד!
איך מאַך נישט קײן שפּאַס?
איך װײס שוין דעם סוד,
איך קאָן דיר איהם זאָגען אין װאַלד!

די שלאנג איז אוועק און דער יונגערער קלערט:
ווי גאט האט זיך יעדען זיין שענקייט בעשערט.
געה פרעג'ן: דער גלאנץ און די שענקייט וואס טויג?
ביים עלטערן פלאמט שוין די תאוה אין אויג:
קרעלען, דיאמאנטען, בריליאנטען — אח, גאט!
זי זאל נור נישט נארען און זאגען דעם סוד!
ער קוקט אויפ'ן וואלד,
און גנב'עט זיך באלד
פון ברודער ארויס צו דער שלאנג!

די זון געהט שוין אונטער, פערגאלדט נאך די זוים
פון וואלקען אין הימעל; און אונטער אבוים
זיצען שוין ביידע, — דער מענש און די שלאנג;
זיי זיצען צוזאמען און שמועסען שוין לאנג.
ער ציטערט און ווייס נישט — פאר פרייד, צי פאר שרעק;
זי וויקעלט דאס הארץ איהם ארום מיט'ן עק,
און רייד פון דיאמאנטען,
קרעלען בריליאנטען,
„אלץ וועסטו האבען גאר גרינג!"

„בעטראכט נור דיין ברודער, דאס איז א פאבריק
פון קרעלען, בריליאנטען, דיאמאנטען און גליק!
עס טרעפט זיך, ער ארבייט, און וואונדערליך הייס
ווערט איהם, דער שטערען בעדעקט זיך מיט שווייס,
עס טריפען די טראפען... ער ווישט מיט דער האנד;
לאז נישט! דער טראפען דאס איז א דיאמאנט!
נור ארבייטען הייס!
קלויב אויף דעם שווייס!
שיטסט דו אן פעסער דיאמאנטען!"

„עס טרעפט און איהם פאלט פון די ברעמען א טרער;
דו, שוטה, דו מיינסט, עס איז וואסער, נישט מעהר,
און טרייסט'ן, און האלזט'ן, דו האלסט עס נישט אויס,
און קושסט איהם די טרערען פון ד'אויגען ארויס!
פערשוועגדסט דיין פערמעגען, דו נארישער קאפ,
לאז ווייגען, לאז וויינען! און קלויב יעדען טראפ!
א טראפ, האב פערשטאנד,

דאָס איז אַ בריליאַנט —
דײַך װעסט דו זײַן װי אַ קעניג!"

„דערנאָך — האָט דײַן ברודער אַנ'עדעלע פעל,
אַ שטאָך מיט אַ נאָדעל — דו האָסט שױן אַ קרעל!
בלוט — זאָגסט דו — איז עס, בלוט — זאָגסט דו — אַ קאַפּ,
דו נאַר! עס איז קרעלען, דו צאַפּ נור און צאַפּ!
זאָל ער נור בלוטען, און בלוטען נישט קאַרג!
אָנשטאָטען װעסט דו שױן קרעלען אַ באַרג!
דו האָסט אַ פאַבריק,
און מאַך דיר דײַן גליק,
ביסט שטאַרקער און װײסט שױן דעם סוד!"

די ליפּען פערביסען, די פױסטען געבאַלט,
געהט שױן דער עלטערער ברודער פון װאַלד,
די אױגען, זײ ברענען און זײמען זיך שװאַרץ,
דאָך צאַפּעלט די ליעבע צום ברודער אין האַרץ,
ער טרײסט זיך: „איך װעל דאָך נור מאַכען אַ פּריב,
אַ שטאָך װעל איך געבען, אַ קלײנעם, נישט טיעף;
מײַן ברודער? איך װײס!
נור טרערען און שװײס,
הערסט דו דאָך, זענען בריליאַנטען!

עס הערט די לבנה נאָך די אײגענע נאַכט,
װי ס'האָט אינ'ם שטיבעל געװײנט און געלאַכט.
עס קוקען די שטערען אין פענסטער אַרײַן:
װי לאַכט עס אַ ברודער בײַם ברודערס געװײַן?!
די זון האָט צומאָרגענס געװאונדערט זיך שטאַרק:
װי שלאָגט עס אַ ברודער דעם צװײטען אין קאַרק?
עס װאונדערט צו גלײַך
דעם װאַלד און דעם טײַך:
װאָס איז עס אין שטיבעל געשעהן?

און עס איז געקומען אױף בײדע גאָט'ס ש ־אָף!
דאָס גליק איז פערשװאונדען, עס װײַלט זײ דער שלאָף.

אוועק איז די ליבע, דער פריערן אוועק! —
דער שלאָפט נישט פאר וועהטאג, דער צווייטער פאר שרעק.
דער שרייט: ס'איז מיין עשרות, מיין רייכטום, מיין גוט!
און יענער: ס'איז טרערן, מיין שווייס און מיין בלוט!
דיאם, דיאם, דיאם, דיאם,
אויף יענער זייט ים
רייסט מען זיך שוין ביי די האָר!

אלע (פּאָר).

מען שלאָגט זיך, מען רייסט זיך,
טראַך—טראַך, טראַך—טראַך! —
נור וואס איז געוועזן
דער סוף פון דער זאך?
דער סוף פון די ברידער,
פון שרעקליכען הויז?
פערצעהל שוין און ציה נישט
די הערצער ארויס!

די ערשטע מאדיסטקע?

אוי, ס'איז געוועזן אַ שרעקליכע נאַכט
איך ליעג ביי דער באָבען אין שוים און איך טראַכט:
„וואס לעגט זיך דער שאָטען אזוי לאַנג, אזוי ברייט?
וואס רייסט זיך דער ווינד, ווי אַ הונט אויף דער קייט?
וואס ברעכען די מויערן, וואס רייסט זיך דער דאַך?
צי הער איך די באָבען, צי בין איך נאָך וואך?"

איך ליעג ביי דער באבען אין שוים און איך טראַכט:
„צי זעה איך אין חלום די שרעקליכע נאַכט?
צי הער איך אַ מעשה? צי בין איך דען וואך?
וואו ברעכען די מויערן? וואו רייסט זיך דער דאַך?
וואו רייסט זיך דאס הייזעל אַוועק פון זיין אָרט?
הורורו — הורורו — דאָ אָדער דאָרט?"
שטענדיג געקלערט
און קיינמאָל געהערט
דעם סוף פון דער שרעקליכער זאַך!

אלע, אויסער מאדאם.

דער זייגער שלאָגט! אוי, צעהנען שלאָגט,
גענענדיגט שוין די מיה!
אהיים, ווער נור א היים פערמאָגט,
אהיים ביז אין דער פריה!
אין בעט אריין, א בעט ווער ס'האָט,
נור שלאָפען געהט, געדענקט אָן גאָט!
שלאָפען דארף די נויט!
שלאָפען איז א פיין געשעפט,
מען רוהט זיך אוים! און טייל מאָל טרעפט,
עס חלומ'ט זיך — א ברויט!
אוי, צעהנען שלאָגט, צום עק די מיה —
גוט=נאכט, מאדאם —

מאדאם:

קומט מארגען פריה!

מ. ראָזענפעלד.

חֵרָטָה.

דאָס איז א לבנה=נאכט. אומעטיג, שטיל.
איך וואנדעל ארום ווי א שאָטען.
איך קלאָג אויף מיין ליעבע, און קלאָג אזוי פיעל,
דער ווינד חליפעט צו ווי אויף נאָטען.

און, געהענדיג, קום איך אהין אין דער גאס.
וואו איך האָב די ליעבסטע געטראָפען.
זי זיצט נעבען פענסטער, איהר פנים איז בלאס,
די אויגען מיט טרערען פערלאָפען.

זי זינגט, און איך האלט איין דעם אָטעם און הער:
עס ריהרט מיך איהר יעטווידע נאָטע —
„ווי עלענד בין איך און ווי עלענד איז ער"...
איך הער, ווי זי האָט שוין חרטה.

זי האט שוין חרטה, וואס זי האט אומזיסט
פערשטויסען מײן הארץ, מײנע לײדען,
איך פיהל, ווי איהר ערגערט, ווי טיעף איהר פערדריסט,
דען דארף זי נאך דײטליכער רײדען?

דאך ווידער בעוועגען זיך שטיל מײנע טריט,
עס ציטערט אין מיר יעדער אבר —
צו שפעט האט די נארין געזונגען איהר ליעד,
איך טראג שוין אין בוזים א קבר.

מינוטען.

עס קומען סעקונדען, עס קומען מינוטען,
עס קומען אפט רגע'ם צושוועבען,
וואס לאשצען און גלעטען, און רײדען מיט גוטען
און לאזען א ביסעלע לעבען.

א ביסעלע לעבען, א ביסעלע ליעבען,
עס ווילט זיך אי זינגען, אי לאכען,
גן עדן-געפיהלען פון שמות געטריבען
אין קלעגליכען הארצען ערוואכען.

עס שטעהט אויף א הײליגער, זיסער פערלאנגען,
וואס איז א בעטויבטער געלעגען, —
און וועקט די נשמה מיט וועלכערע קלאנגען
און לאזט איהר קײן קשיות ניט פרעגען.

אין דעם אויגענבליק אט דעם ליעבען, דעם זיסען,
וואס קומט דא צו-גאסט אזוי זעלטען, —
ערוואכט אזא חשק דעם מענש צו געניסען,
צו חאפען א טאנץ מיט די וועלטען.

נאר פלוצלונג פערשווינדט אט דער זעלטענער דרימעל,
פערפליהען די גוטע מינוטען.
די ערד בלײבט שוין ווידער אלײן, אהן א הימעל,
דאס הארץ פאנגט אן ווידער צו בלוטען.

די העלע, די ליכטיגע גײַסטער פֿערשוועבען,
עס קומען די אַלטע „ניט גוטע"...
דאַן ווילט זיך, אָ, שרעקליך, ניט ליעבען, ניט לעבען
און אַלץ איז ניט ווערט מעהר קיין פּרוטה.

דער אָדלער.

וואו די ריזענוואָלקען יאָגען,
אויבען, אין דעם העכסטען אָרט,
שוועבט דער קייזער פֿון די פֿויגעל
פֿליהט דער גרויסער אָדלער דאָרט.

מיט די שטאַרקע פֿליגעל פֿאָכט ער
אין דער לופֿטען און ער פֿליהט.
עלענדער, אַחוץ די הימלען
האָט ער קיין חברים ניט.

ווערט ער מיעד פֿון שווערע רײַזען,
רוהט ער אײַנזאַם און אַליין
בײַ דעם זוים פֿון טיעפֿע וואַסערם.
אויף אַהויכען באַרג פֿון שטיין.

מיט פֿעראַכטונג קוקט ער אונטען,
שאָקלענדיג זײַן שטאָלצען קאָפּ,
אָפּט נאָר, ווען איהם צווינגט דער הונגער,
לאָזט ער זיך מיט וועה אַראָב.

פֿאָרטשריט.

מיר לעבען צו-געפֿעהרליך שנעל,
מיר לויפֿען ראַש צום ברעג...
מיר מאַכען פֿון אַ יאָהר אַ תל
אין קורצע צוויי, דרײַ טעג.

בײַ אונז איז צײַט און שטח שראַט,
און קײן זאַך מעהר צו-גרויס,
מיר ווילען איבעריאָגען גאָט,
פון זײַן רשות אַרויס...

דורך וואָלקען טראָגט אונז דער באַלאָן,
און דורך דער ערד — די באַהן,
אין הימעל פלאַטערט אונזער פאָהן,
אין טיעפען אָקעאַן...

מיר אײַלען, יאָגען אָהן א צוועק,
מיר לויפען אָהן א מײַן,
מיר ווילען חאַפּען יענעם עק,
וואָס הענגט אָן אונז אַלײַן.

נאַטור און מענש.

עס ציהט מיך די דופטיגע ווײַטקײַט,
עס רופט מיך די שטימע פון גאָט:
אַנטלויף פון די מענשענס פערשײַטקײַט,
פון זינדיגען טומעל, פון שטאָדט!

דער וואַלד האָט געווירצען און ליעדער,
און שטילע און הײליגע פרײד,
און דאָרט איז דיר קײנער צו ווידער,
און דאָרט טהוט דיר קײנער קײן לײד.

דו קענסט אויף די פעלדער זיך שפרײטען,
זײ זענען אי לופטיג אי גרויס, —
דאָרט שפּראָצען פון טויזענדער קווײטען
די שענסטע חלומות אַרויס.

דו זעהסט דאָרט דעם פרעכטיגען מאָרגען,
דעם זילבערנעם שימער פון טײַך,

דו הערסט ניט פון לעבען די זארגען,
דו זעהסט, ווי דאס לעבען איז רייך.

און איך האב די גאסען פערלאזען,
די ווילדע צוקאלטקייט, די דראנג;
איך זיץ צווישען בוימער און גראזען,
און הער נאר דעם פויגעל'ס געזאנג.

עס הערשט אזא זעלטענער כשוף,
איך אטעם די לופט און איך בענש.
און ס'ציהט מיך צוריק צו א ישוב,
איך בענק נאך דעם זינדיגען מענש.

פאנטאזיע.

(פראגמענט).

דאס איז דער געזאנג פון די שניטער,
ער טראגט זיך פון בארג און פון טהאל,
ער וועקט אין מיר אויף מיין „אמאל",
ער וועקט אין מיין הארצען א ציטער.
מיר ווערט אזוי זיס, אזוי ביטער,
און איבער מיר יאמערט א קול.

א קול, וואס צורייסט די נשמה,
און שניידט מיר אין שטיקער די ברוסט,
וואס הרגעט אין מיר יעדע לוסט
און גרייפט אן מיט שרעק מיין נחמה,
אט פונקט ווי צו נעהמען נקמה
פאר זינד, וואס איז מיר אונבעוואוסט:

„דיין שניטער-ליעד איז אבגעשניטען,
דיין פעלד איז טויט, דיין סערפ פערראסט
א לעבען האט עס דיר געקאסט,
א וועלט האסטו דערביי געליטען.

„דיין גארטען איז א נעסט פון שלאנגען,
דיין ווייַנשטאק איז פערוויסט און לעער,
דיין חלום שווימט נאר אין א טרער,
דער ווינד מישט איבער דיינע ג׳זאנגען.

„און וואו דו געהסט נאר, וואקסען דערנער,
און וואו דו בליקסט נאר, שרעקט דער שווערד,
א פרעמדער, בלוט־דורכזאפטער ערד,
פערטרויסטו דיינע לעצטע קערנער.

אויפ׳ן בוזים פון ים.

דער שרעקליכער ווינד, דער געפעהרליכער שטורם,
ער ראנגעלט זיך דארט מיט א שיף אויפ׳ן מעער;
ער וויל זי צוברעכען, און זי מיט יסורים
שניידט דורך אלע טיפעניש, קרעכצענדיג שווער.

עס טרעשטשעט דער מאסט־בוים, דער זעגעל, ער ציטערט,
דאס רוישענדע וואסער איז מורא׳דיג טיף; —
עס קעמפפען מיט צארען, עס שטרייטען פערביטערט
אויף טויט און אויף לעבען דער ווינד מיט דער שיף.

אט מוז זי זיך לעגען, אט מוז זי זיך שטעלען,
אט טרייבט עס צוריק איהר, אט טרייבט עס פאראויס, —
א שפילכעל איז איצטער די שיף ביי די וועלען,
זיי שלינגען זי איין — און זיי שפייען זי אויס.

עס ליארעמט דער ים און עס הויבען זיך חוואליעס,
עס הודזשעט, עס פילדערט מיט שרעק און מיט גרויל; —
דער שטורם, דער גזלן, וויל אומברייגנען אלעס,
דער תהום עפענט־אויף זיין פערשלאסענע מויל.

עס הערען זיך זיפצען, עס הערט זיך א בעטען,
ס׳איז גרויס די סכנה, ס׳איז שרעקליך די נויט,
און יעדערער בעט ביי זיין גאט, ער זאל רעטען,
בעפרייען די מענשען פון זיכערען טויט.

דאָס וויינען די קינדער, עס קלאָגען די ווייבער,
מען שרייט און מען איז זיך מתודה אצינד,
עס פלאטערען זעגעלען, עס ציטערען לייבער,
פאר שרעק פון דעם בייזען, פערניכטענדען ווינד.

דאָך אונטען, אין צווישען-דעק, זיצען צוויי מענער
גאַנץ רוהיג, זיי ריהרט ניט דער מינדעסטער וועה;
זיי זוכען קיין רעטונג, זיי קלערען קיין פלענער,
ווי אַלץ וואָלט זיין זיכער און שטום אַרום זיי.

עס ליאַמערט דאָס וואַסער, די וועלען זיי שוימען,
עס וואיוועט, עס מיועט משונה דער ווינד;
עס סאָפּעט דער קעסעל, עס הודזשעט דער קוימען —
דאָך אונטען די צוויי, זעהט, זיי שווייגען אצינד.

זיי קוקען מיט קאלטקייט דעם טויט אין די אויגען,
זיי ריהרט ניט דעם שטורמס געפעהרליכע מאַכט;
עס שיינט, אַז דער טויט האָט אליין נאָר ערצויגען
זיי ביידען אין שרעק און אין פינסטערער נאַכט.

„ווער זייט איהר, אונגליקליכע, — לאָזט עס דאָך הערען —
וואָס קענען פערשוויינען די גוואלדיגסטע נויט,
וואָס האָבען קיין זיפצען און האָבען קיין טרערען,
אפילו ביים שרעקליכען טויער פון טויט?

„זאָגט, האָבען אייך טאַקע נאָר קברים געבאָרען?
איהר לאָזט גאָר קיין עלטערן, ווייב אָדער קינד,
צו וויינען נאָך אייך, ווען איהר ווערט דאָ פערלאָרען
אין טיעפען, אין שרעקליכען אָבגרונד אצינד?

„ווי? לאָזט איהר ניט קיינעם, וואָס איהם זאָל פערדריסען,
וואָס ער זאָל וועגען בענקען, צי לאָזען אַ טרער,
ווען אייך וועט דער נאַסער בית-עולם פערגיסען,
ווען איהר וועט דאָ קיינמאָל צוריקקעהרען מעהר?

„ווי? האָט איהר קיין פאָטערלאַנד גאָר, קיין מדינה,
קיין היים, וואו צו קומען, קיין פריינדליכע שטוב,

וואָס איהר האָט בעהאַלטען אין זיך אַזאַ שנאה
צום לעבען און וואַרט אויף דער פינסטערער גרוב!

„איהר האָט גאָרניט קיינעם אין הימעל דאָרט אויבען,
צו ווענדען צו שרייען, ווען איהר זענט אין צער?
איהר האָט גאָר קיין פאָלק ניט, איהר האָט ניט קיין גלויבען!
פערלאָרענע, וואָס איז מיט אייך פאַר אַ גזר?"

עס גענעצט די אָבגרונד, עס ברויזען די אינדען,
עס ברעכען די לייטערס פון שיף און עס טראָגט,
עס הוליעט דער שטורם, עס פייפען די ווינדען,
און איינער האָט ענדליך מיט טרערען געזאָגט:

„דער שוואַרצער בית־עולם איז ניט אונזער מוטער,
עס איז אונזער וויעג ניט דער קבר געווען; —
עס האָט אונז געבאָרען אַ מלאך, אַ גוטער,
אַ טייערע מוטער מיט ליעבע פערזעהן.

„עס האָט אונז געפיעסטעט אַ מאַמע, ערצויגען
אַ צערטליכע, וואַרעמע, פריינדליכע ברוסט,
געקיכעלט און שטענדיג געקוקט אין די אויגען
האָט אונז אויך אַ פאָטער און ליעבליך געקוסט.

„מיר האָבען אַ הויז, נאָר מען האָט עס צובראָכען
און אונזערע היילינסטע זאַכען פערברענט,
די ליעבסטע און בעסטע פערוואַנדעלט אין קנאָכען,
די לעצטע פעריאָגט מיט געבונדענע הענד.

„מען קען אונזער לאַנד, און זי לאָזט זיך דערקענען,
דורך יאָגען, דורך שלאָגען, ניט ווערענדיג מיעד,
דורך ווילדע פאָגראָמען, דורך ברעכען און ברענען,
דורך זוכען דעם טויט פאַר דעם עלענדען יוד.

„און מיר זענען יודען, פערוואָגעלטע יודען,
אָהן פריינד און אָהן פריידען, אָהן האָפנונג אויף גליק, —
ניט פרעגט מעהר, אָ, פרעגט ניט, יאָ, זעהט, לאָזט צופריעדען,
עס טרייבט אונז איין לאַנד צו דעם צווייטען צוריק,

„אַהינצו, פון וואַנען מיר זענען אַנטלאָפען,
אַהינצו, דערפאַר, וואָס מיר האָבען קיין געלד;
אויף וואָס בלייבט אונז איצטער צו וואַרטען, צו האָפען?
וואָס טויג אונז דאָס לעבען, די פינסטערע וועלט?

„איהר האָט וואָס צו וויזען, איהר האָט וואָס צו ברומען,
איהר האָט וואָס צו שרעקען זיך איצט פאַר דעם טויט,
איהר האָט געווים אַלע אַהיים, וואו צו קומען,
און פאָהרט פון אַמעריקא אויך ניט אוים נויט.

„דאָך מיר זענען עלענדע, גלייך צו די שטיינער;
די ערד איז צו שלעכט אונז צו שענקען אַנ׳אָרט —
מיר פאָהרען, דאָך, לײדער, עס וואַרט אויף אונז קיינער —
ערקלערט מיר, איך בעט אייך, וואו רייזען מיר פאָרט!

„זאָל שטורמען דער ווינד, זאָל ער ברומען מיט צאָרען,
זאָל זידען און קאָכען, זאָל רוישען דער גרונד!
דען סיי־ווי־סיי זענען מיר יודען פערלאָרען,
דער ים נאָר פערלעשט אונזער ברענענדע וואונד"...

יהואש.

פּראָלאָג.

איך האָב געשיפט זיך אויף דעם שנעלען פלוס,
וואו אַלץ פערשווינדט און אַלץ פערשווינדען מוז,
און האָב מיט נעצען פון געזאַנגען —
פון שמערץ דעם בים, פון פרייד דעם קורצען קוס,
פון אייביגקייט דעם פליהענדיגען גרוס,
געכאַפט אין וואָרט—געפלעכט אין קלאַנגען.

און ווען דער לוסט־מאָמענט און ווען די פיין
שוין לאַנג אין שטראָם פערטרונקען וועלען זיין,

נאָך וועלען זיי אויף ליפען שוועבען,
ווי פון דעם שטערען לאַנג שוין שווארץ און קאַלט,
נאָך יאָהרען הונדערטער דער שימער פאַלט
און שפיגעלט אָב דעם שטערענס לעבען...

דאָך איך און ס׳ליעד מיינס טראָגען שטילערהייד
זיך אויף אַהין, וואו אַלעסדינג פערגעהט —
ווי ס׳שטאַרבט דער אָבשיין פון דעם שטערען...
און ווי דער קול, פערגעהט דער עכאָ אויך,
און ווי די פלאַם, וועט אויך די שפור פון רויך,
פערטראָגען און פערגעסען ווערען...

דאָס נישט-געזונג׳נע ליעד.

אָ, נישט-געזונג׳נע ליעד! —
דו פרעסט די ברוסט
מיט פיין און לוסט...
דו גלענצסט און גליהסט,
און דופטסט און בליהסט,
און רופסט און ציהסט,
און האָסט קיין ווערטער ניט...

ווי לאָקסטו מיך,
ווי פלאָגסטו מיך!
ווי דריקסטו מיך,
ווי קוויקסטו מיך!

ווי פליקסטו און בעגליקסטו מיך,
ווי שטיקסטו און ענטציקסטו מיך,
אָ, ניט-געזונג׳נעס ליעד!

ווי העל אַנטפלעקסטו זיך,
וי שנעל פערמעקסטו זיך!

קוים ווייזסטו זיך, דערשרעקסטו זיך,
קוים וועקסטו זיך, שוין עקסטו זיך,
אָ, ניט־געזונג׳נעם ליעד!

קוים טוילסטו אויף, פערגעהסטו שוין,
קוים הויכסטו, גלייך פערוועהסטו שוין,
קוים שפיר איך דיך,
פערליר איך דיך,
אָ, ניט־געזונג׳נעם ליעד!

2.

אין זומער־אָוועגד, ווען דער זון־ראָד ראָלט
אַרונטער אויף די לעצטע מערב־טרעפ,
און פינקלען אויף די בלויע פעלזען־קעפ
טורבאַנען פון צוגליהטען אופיר־גאָלד —
ווען אין ענטציקטע פויגעל־קעהלען
פער׳חלש׳ען די ניט־דערפייפטע טרעלען,
און וואַלד און וועלען
אין זיסער אָהנמאַכט שווייגען;
און גיריג זויגען שטומע צווייגען
דעם לעצטען אָבשיין פון דעם הימעל׳ס גלוט —
דאַן הער איך דיך, אָ, ניט־געזונג׳נעם ליעד,
אין יעדען שנעלען פולס־שלאָג פון מיין בלוט
דאַן צינדט מיך אָן דיין פייער־רוטה...
דאַן בין איך אין דיין צויבער־קייט געשמידט,
אָ, ניט־געזונג׳נעם ליעד!
דען דו ביזט גרוים און שען,
אָ, ניט־געזונג׳עם ליעד,
און איך בין שוואַך און קליין,
און האָב קיין ווערטער ניט...

3.

אָ, ניט־געזונג׳נעם ליעד! —
ווען ס׳קומט דעם הימעל׳ס הייליגסטער מאָמענט,

ווען ס׳שפרײט די מוטער־נאכט די שווארצע באלזאם־פליגלען,
ווען פון געהײמע טעמפלען עפנען זיך די ריגלען,
און פול מיט טיפע סודות יעדער שטערען ברענט —
ווען אין זײן דונקלער בלעטער־קאמער
דער פעלד־גריל קלאפט זײן כשוף־האמער;
ווען אין דעם טינט־געפארבטען זומפ
די זשאבעס קוואקען ריטמיש־דומפ;
ווען טרינקענדיג דער פינסטערקײט׳ס פארפום,
דער גליה־ווארעם מיט פײער־פים טאנצט אום...
און ערגעץ פון א ווײטען בוים־שפיץ קלאגט
די נאכטיגאל, פון זיסען וועה גענאגט—
דאן קלינגסטו מיר,
א, ניט־געזונג׳נעם ליעד! —
דאן ווינקסטו מיר
פון אלע שטערען,
דאן ברענגסטו מיר
אין ד׳אויגען טרעהרען,
דאן דרינגסטו מיר,
פון ווײטע ספערען,
ווי ס׳ראלען פון פערהילטע ארגעל־רעהרען,
ווי ס׳רוישען פון געהײמע וואסער־מעערען,
ווי טויזענד פעלדער פול מיט זאנגען,
וואס שושקען פאר׳ן שניט —
א, ניט־געזונג׳נעם ליעד! —
דאן הער איך דיך און קען דיך דאך ניט פאנגען,
אט האב איך דיך, אט ביזטו שוין פערגאנגען,
דו שענסטער פון געזאנגען,
דו ניט־געזונג׳נעם ליעד! —
ווי רײצסטו און בעטרינקסטו מיך,
ווי פלײצסטו און פערשלינגסטו מיך,
א ליעד, וואס האט קײן ווערטער ניט...

4.

ווען די גערילטע נאכט־כמארעס זיך טײלען,
און לויפענדיג פון פינסט׳רע וואלקען־פײלען,
רײסט דורך זיך דער לבנה׳ס רונדער ראנד,

אין גייסטער מיט אַנ'אומגעזעה'נער האַנד
פערשפּרייטען איבער דעם אוקינוס' וואַלען
אַ שמאָלען פּערל־באַנד,
אַ שטעג פון שימער און פון שטראַהלען,
אַ בריק פון ליכט געשפּאַנט,
פון האָריזאָנט צום לאַנד —
און לינקס און רעכטס
דער תהום זיך הויבט און ברעכט,
באַלד מיט דעם אנגסטען־קרעכץ
פון אנגעקוועטשטע קנעכט,
באַלד מיט דעם זיג־רוף פון געפעכט —
דאַן האָב איך דיך פערנומען,
אָ, ניט־געזונג'נעם ליעד! —
געזעהן דיך אין דעם הימעל'ס שטומען,
דערקענט דיך אין דעם וואַסער'ס ברומען,
אָ, ניט־געזונג'נעם ליעד! —
דאַן האָב איך דיך דערפיהלט,
אין אַל'דעם צויבער פון דער הויך,
אין אַל'דעם שוידער פון דערנידער,
אין אַלצדינג, וואָס איז ווייך און בלייך.
אין אַלצדינג — וואָס איז וויסט און ווילד.
און כ'בין געוועזן געפילט
מיט טרוימען פון טיטאַנען,
דאָך כ'בין געשטאַנען,
אַ מאַכטלאָזער, אַ מידער,
און האָב קיין ווערטער ניט געפונען...

קוים האָב איך דיך געשפּונען,
שוין בייזט מיר צורונען,
און כ'האָב דיך ניט געוואונען,
אָ, ניט־געזונג'נעם ליעד! —

5.

אָ, ניט־געזונג'נעם ליעד! —
ווען ס'רייסט די שוואַרצע קודלעס פון דער נאַכט
דעם שטורם־וועטער'ס לויז־געלאָזטע מאַכט;
ווען ס'ברעכט זיך אָב פון קייט דער אוראַגאַן,

און בײַטשט מיט לאנגע בליצען זײַן געשפאן,
און װארפט זיך אויף די הויכע פעלזען-װענד,
און װיגט די בערג אויף זײַער פונדאמענט,
און װירבעלט צװישען ערד און הימעל,
בעגלײַט פון דונער׳ס קראך-געטימעל —
דאן הער איך דיך, א, ניט-געזונג׳נעם ליעד!
דאן שפרינג איך אויף א נײַ-בעלעבטער,
שוין ריהרט מיך אן דײַן קעניג-צעפטער.
און ס׳שטראמט דורך מײַנע גליעדער
די לאנג-פערלאנגטע גנאד,
דער ציטריג-צארטער סוד,
דאס הײס-געגאהרטע ליעד,
דאס ליעד פון אלע ליעדער...

שוין ברעכט דער גײַסט די צאמען,
שוין איז דאס הארץ און פלאמען,
שוין פלאקערט דאס געבליט...
אט איז עס... נאך א טריט —
און ס׳קומט דאס ניט-געזונג׳נע ליעד...
װי װײַס עס שטראהלט!
אט באלד... אט באלד...
א פאסיג װארט—און פעסט געבונדען
אויף אײביג איז די ליכט-געשטאלט...
דאך װעה!... שוין איז דאס בילד פערשװאונדען —
איך האב עס ניט בעצװאונגען,
דאס ניט-געזונג׳נע ליעד,
מיר איז צו זינגען ניט געלונגען
דאס ניט געזונג׳נע ליעד...

א טרוים.

מיר האט זיך גע׳חלומ׳ט, ארום איז געלעגען
א שװארצע פערװאלקענטע נאכט,
און איך בין געשטארבען און ליעג אין אנ׳ארון
פערמאכט...

איך האָב דורך אַ שפּעלטעל געזעהן ווי אַ שטערן
טאַנצט אום מיט אַ טרויריגען שײַן,
געוואוסט, אַז דאָס קוקט מײַן נשמה איך אָרויִן
אַרײַן...
דער ווינד האָט געוויינט... ס'איז קיין מענש ניט געוועזען
צו לאָזען אַן איינציגע טרער,
דער שטערען אַליין האָט געשוועבט און געציטערט
אַלץ מעהר...

דער וואַסער-טרעגער.

אין דער באָד-גאַס עק פון שטעדטעל,
אין אַ קעלער-שטוב אַ נאַסער
האָט געוואוינט אַ יוד אַן אַלטער
און געלעבט פון טראָגען וואַסער...

פליגט זיין ברויט „בזעת אפו"
און מיט שווערער מיה פערדינען,
שלעפּענדיג די פולע עמערס
שפּעט אין נאַכט און פריה בעגינען...

איז געגאַנגען קרוע בלוע,
ניט געהאַט אַ גאַנצען פאָדעם,
און די נאַקעט-דאַרע ביינער
פלעגען טאַרטשען דורך די בגדים...

און געוועזען קראַנק, אַ חלוש...
קוים געקענט די נאָסטשעס טראָגען —
דאָך אַ קוויקונג איז געוועזען,
הערען איהם „גוט מאָרגען" זאָגען...

אַזאַ זיסקייט, אַזאַ מילדקייט,
אַזאַ פרעהליכער בטחון,
אַזאַ שבת-אויפגעראַמטקייט,
אין אַ מיטען אָנו ע' וואָכען...

קײַנער ניט געװאוסט אין שטעדטעל
האָט דעם װאַסער־טרעגער׳ס יחוס,
קײַנער ניט די מיה גענומען
רײַדען װען מיט איהם באריכות...

אײַן פריהמאָרגען אין זײַן קעלער,
אויף אַ שטײַנערנעם געלעגער
אײַנגעקאָרטשעט, האָבען שכנים
טויט דערװיסט דעם װאַסער־טרעגער...

בלויז אַ הויפען דאַרע בײַנער,
צוגעדעקט מיט שמאַטעס אַלטע,
דאָך דער זיסער צדיק־שמײַכעל
אויף די ליפען אויף די קאַלטע...

זיך צעװײנט אין מיטען שיעור
האָט דער גרויסער רב הושיע,
האָט בעפוילען די תּלמידים
גאָך דעם טויטען רײַסען קריעה...

דען אַנטפּלעקט געװאָרען פלוצלונג,
אין געהײם דעם אַלטען רב איז,
אַז געװען דער װאַסער־טרעגער
אײנער פון די למד־װאו איז...

דאָס טײַכעל.

זים און הײמיש רוישט דאָס טײַכעל,
גלאַנצענדיג אין זונען־שײַן,
פלוידערט קינדעריש דורכ׳ן װאַלד־באַרג,
און די בוימער שלאָפען אײַן...

אײַנגעלוליעט מיט זײַן מורמעל
האָט ער אויך די בערג אַרום,
ער אַלײן נאָר רעדט אין פלאַפּעלט,
ערד און הימעל האָרכען שטום...

כ׳ליִעג האַלב וואַך און האַלב פֿערדרעמעלט,
ווי פֿערנעבעלט איז דער זין,
דורכ׳ן שלעפֿערדיגען מוח
פלאָנטערט זיך דאָס ווערדעל גרין...

לאַנגזאַם מישען זיך צוזאַמען
באַרג און הימעל, גראָז און קוואַל,
און דער חלומ׳דיגער טומעל
פֿון אַ וויַיטען וואַסער-פֿאַל...

דְּלִילָה.

נישט ווי אין תנ״ך.

דלילה, דלילה, קונציג פלעכטען
מעגסטו דיַינע שטריק אַרום מיר,
מעגסט פֿערוויקלען אין דיַין וועב שטוהל,
מיַינע לאַנגע נזיר-לאָקען.

מעגסט פֿערוויגען אין דיַין שוים מיך
מיט געזאַנגען און מיט קושען —
אין מיַין שלומער, דיַינע אויגען
זעה איך, ווי זיי פֿינקלען קעציש...

און דו קוועלסט שוין פֿון נצחון,
און דו שמיַיכעלסט בייז און ניפֿטיג:
„פֿון די לאָקען שמשון׳ס וועל איך
„זיך אַ שענעם האַלזבאַנד שטריקען.

„און די פלשתים וועלען לאַכען
„און זיך בוקען פֿאַר מיַין שענקייט —
„פֿאַר מיַין שענקייט, וואָס בעצוואונגען
„האָט געקאָנט אַ שמשון׳ס גבורה...

„נייַע הערצער וועלען פֿאַלען,
„און איך וועל זיי אַלע שנירען,
„ווי קאַרעלען און ווי פערעל
„אויף מיַין מזל׳דיגען האַלז-באַנד״...

דלילה, דלילה, האָסט גענאַרט זיך...
איידער נאָך די שער די קאַלטע
וועט בעריהרען מיינע קרויזען,
איידער דו וועסט שניידען געהמען —

פֿון מיין שלאָף ערוואַכען וועל איך,
וועל צוברעכען שטריק און וועבשטוהל,
וועל בעקוקען דיך מיט עקעל,
און בעריהמען דאַן וועל איך זיך...

דלילה, דלילה, האָסט אומזיסט נאָר
מיר דיין זיסען גוף געשאָנקען,
האָסט אומזיסט די ליפּען מיינע
שיער צוברענט מיט דיינע קושען...

און די פּלשתּים וועלען יעקען: —
„אויסגעזויגען דלילה'ס שענקייט
„האָט דער שלומערדיגער שמשון,
„דאַן ערוואַכט און אויסגעלאַכט זי..."

ליעבעס-הַבְטָחוֹת.

צו וואָס נאָך שווערען, ליעבינקע? —
די קושען דיינע רייידען;
צי רעדט מען פֿון אַ יענער וועלט,
ווען ס'איז שוין אין גן-עדן?...

צו וואָס מיר שושקען האַלב-פֿערשטיקט,
אַז דו וועסט טריי זיין אימער? —
איצט האָב איך דיך דאָך ליב און וועל,
דו זיסעס פֿרויענצימער.

און ווען דיין הארץ וועט ווערען קאַלט,
ווען ס'וועט די גלות פֿערשווינדען —

דעקלאמאציע.

צי װעל איך מיט דײַן שבועה־שטריק
צוריק דיך קענען בינדען?...

צי װעל איך אויף דײַן װעקסעל דאן
מײַן חוב בעקומען קאָנען? —
צי װעל איך פון דעם װינטער'ס פראָסט
די היץ פון זומער מאָהנען?

אַ, שענק מיר אַלצדינג, זיסינקע,
נאָר גיב ניט קײַן פערשפּרעכען,
װאָס שטאַרקער ס'װעט דײַן צװאָג זײַן
אַלץ גיכער װעסט איהם ברעכען...

יהואש.

דער פּערל, דער בריליאַנט און דער דימענט־גלאָז.

פאַבעלען.

אַ פּערל האָט מיט אַ בריליאַנט
אַמאָל געטראָפען זיך בײַנאַנד
אין אײן קאַמאָד,
און איטליכער פון בײדען,
מיט אמת'ע התפעלות,
בעטראַכט פון צװײטען האָט
די גרױסע מעלות.

דער שטילער פּערל האָט בעשײדען,
דעם אבן־טוב געלױבט,
און זיך געװאונדערט איבערהױבט,
װאָס נאָך אַזױ פיעל יאָהרען
פון פינסטערען אין טיעפער ערד
און זײַן פון לופט און ליכט בערױבט,
איז ער אַנ'עדעלשטײן געװאָרען,

וואָס האָט אַזאַ געהויב׳נעם ווערטה.
אויף זיך אַליין האָט ער געזאָגט,
אַז ער איז גרוי און מאַט,
און חוץ דעם קומט ער גלאַט
פון פראָסטען שטאַם:
אַנ׳אויסטער האָט אין ים
געמאָזעלט צי געפּאָקט,
און האָט איהם אויף דער וועלט געבראַכט...

דער דימענט, ווידער, האָט דערקלערט
פערקעהרט —
אַז מיט דעם פערל׳ס צניעות׳דיגער פראַכט...
און זיינע צערטליכע קאָלירען
קאָן קיין יובעל ניט קאָנקורירען...

א דימענט-גלאָז (א ביליגער פּראָדוקט,
וואָס האָט דעם בלומרשט׳דיגען פינקעל
פון אמת׳ע תכשיטין
און א בעל-העזה נאָך דערצו איז)
האָט אין דעם שופלאָד-ווינקעל,
וואו ער איז געווען פעררוקט,
פאַרדראָסען דאָס געשפּרעך
(בעזונדערס די ענוות פון דעם שמועס),
און ער האָט פרעך
אַריינגעפּלאַצט אין מיטען:—

„כ׳האָב מורא שטאַרק,
„אַז איהר, רבותי, ביידע זייט,
„שוין לאַנג אַראָב פון מאַרק...
„אין אונזער צייט
„בעדאַרף מען אין דער ערד ניט ליגען,
„צי פּאָקען אָדער מאָזלען קריגען,
„כדי צו ווערען אָנערקענט...
„ס׳איז בלויז געווענדט
„אָן דעם טאַלענט
„צו קענען בלישטשען און געפעלען...

„און אונזער אײנער,
„וואָס איז אַ דימענט בלויז לפנים,
„געפינען גיכער וועט בעלנים,
„וואָס וועלען
„איהם טראָגען אויף די פינגער,
„ווי איהר, די עלטע עדעלשטײנער,
„ווײל אונז, פערשטעהט איהר, קען מען קויפען
גרינגער"...

די אָבגעפּיטערטע קאַץ.

אַ קאַץ וואָס איז געוואָרען פּעם
פון שרצים און פון מײז,
האָט ביסלעכווײז
זיך אײנגערעדט,
אַז זי פערדינט אַ שבח
און אַ מעדאַל,
פאַר איהרע גבורות צווישען ראַצען
און אַז איהר אַרבײט פאַר'ן כלל
איז גאָר ניט אָפּצושאַצען.
און אויף דעם סמך
פון איהרע אויפטוהען אין קעלער —
האָט זי מיט שטאָלצען דרך־ארץ
ניט מעהר געוואָלט גאָר אָנקוקען אַ שרץ,
און האָט גענומען נאַשען
אויף לינקס און רעכטס
פון יעדען טעלער,
וואו זי פלעגט דערשמעקען אַ געקעכטס,
אַ שטיקעל פוטער צי אַ ביסעל שמאַנט,
און נאָכאַנאַנד
ניט אויפגעהערט דעם גוף צו פּאַשען.
דער טרײער הונד האָט אײנמאָל בײ דער האַנד
געחאַפּט זי אויף אַ פעטען טאָפּ
און איהר דערלאַנגט אַ גאָב: —
„מיט וואָס האָסטו פערדיענט אַזא מין מאכל? —

„פֿאַר מיר, פֿערשטעה־איך, קענסטו זיך ניט ריהמען,
„אַז דו פֿלעגסט לעבען ון תעניתים...
„דיין רונד
„און בעל־הביתיש ביי...על
„איז, מוהמינקע, ד...ר בעסטער סימן,
„אַז דו האָסט ניט פֿערגעסען דיין געזונד..
„און איצטער, אַז דו זוכסט תכליתים
„און פֿעטע ביסענס אין דער קיך
„און ברעקעלסט זיך
„מיט דיין אַמאָליגער מלאכה —
„ווערט קומען גיך
„אויף דיר אַ פֿינסטערע מערכה.
„דען דו האָסט דאָ
„ניט וואָס צו טהאָן,
„און ווערט מען אין אַ בייזער שעה
„פֿון דאַנען דיך פֿערטרייבען,
„דאַן וועסטו בלייבען
„אינגאַנצען אָהן אַ פּראָפֿעסיאָן...

דאָס געלע בלאַט און די פֿיש.

אַ געל און טרוקען בלאַט
(וואָס איז אין יעדען פּרט
געוועזען גלייך
צו אַלע געלע בלעטער)
איז אין אַ טייך
אַריינגעפֿאַלען,
און איז געשוואומען מיט די וואַלען
ווי נאָכ׳ן וועטער,
זיך געבענדיג אַ קעהר,
אַמאָל אַהין, אַמאָל אַהער,
און צייטענווייז
זיך גאָר געדרעהדעלט אין אַ קרייז...
און איינמאָל, ווען דער פֿלוס
איז אָנגעשוואָלען זעהר שטאַרק,

און אויף דעם קארק
פון א געוואלטיג גרויסער חוואליע
איז הויך דאס בלאט ארויפגעשטיגען,
געווארען איז עם קאליע
און איז געקומען צום בעשלוס,
אז ס'איז פון וואסער דער פערטרעטער
און דארף דעם טײך רעגירען
און פיהרען...

די װעלען האבען צוגעשוויגען
און, שטאט זיך קריגען,
גע'חוזק'ט און געקײַלט
פון זײער נײעם רעטער...
דאך צווישען
די פישען,
וואס גלויבען זעהר לײַכט
(און לאזען זיך פילײַכט
דעריבער טאקי פאנגען אין דער נעץ)
געווארען איז פון יענעם טאג
א חק
דאס געלע בלאט צו אכטען,
און וואס עם טהוט א זאג,
אלס הײליגעס געזעץ
מיט גרויס הכנעה צו בעטראכטען...

די גלאק און די מעטאלען.

א גלאק, וואס איז געהאנגען אויף א טורם,
האט נאר וואס אויסגעזונגען
זײַן גרויסעס הארץ אין קלאנג-דבורים,
ביז ווײַט און ברײַט זײַן שטימע איז געדרונגען
און טיף ארונטער אין דעם טהאל,
געציטערט האט דער עכא פון זײַן קול —
ווען פלוצלונג הערט ער נאהנט דערבײַ
א בײַזע שושקערײַ,

צווישען די פערשידענע מעטאלען
פון די קופאלעס,
דערהויפט דאס בליי
געשאטען האט מיט קללות
אויף איהם און אויף זיין שאלען...

„ווער האט אזוי־וואס ווען געזעהן? —
„א גלאק א שארלאטאן,
„וואס האט זיין אייגענס ניט א גראן
„און איז דורכאויס צונויפגעגאסען
„פון אונזערע גענאסען —
„פון אייזען און פון קופער און פון צין,
„און גאט ווייס, נאך פון וועלכען מאן —
„זאל מאכען אזא פירוש פון זיין צונג
און קריגען אלע שבחים פאר זיין קלונג...

דערויף געענטפערט האט די גלאק: —
„איך האב עס קיינמאל ניט פערדעקט,
„און יעדער ווייס ער קלאר,
„אז אלע, וואס איך פערמאג,
„האט איינציגווייז אין אייך געשטעקט,
„און בלויז אין מיר געווארען איז א חאר,
„וואו אלע קרעפטען
„און אלע שטאפען,
„צונויפגעטראפען, —
„זיך וואונדערליך בעהעפטען...
„דאך איך אליין פון טורם'ס דאך
„רייד צו דעם טהאל דעם הימעלס שפראך...
„דען וואס איך האב פון אייך גענומען,
„ביי אייך פלעגט שטומען,
„און וואס ביי אייך געווען איז בלויז פערלאנג
„און נאר א נעבעלדיגעס ווילען —
„ווערט מאכט און ווירקליכקייט דורך מיין קלינג־
קלאנג
„און קריגט געשטאלט דורך מיינע טרעלען..."

אברהם רייזען.

צו...

כ׳קען ניט, ליעבסטע, זיין דיין שיצער,
כ׳קען פון אונגליק ניט פערהיטען:
נארען זענען פעסט און זיכער —
כ׳ווייס — דער אונגליק קומט אין מיטען...

כ׳וועל מיך אויך ניט אונטערנעהמען
זיין דיין פיהרער, דיין בעגלייטער,
דען דער וועג פון לעבען, ווייס איך,
איז א קרומער, א פערדרעהטער...

כ׳קען דיר אויך מיין ווארט ניט געבען,
ליעבע אייביגע דיר שווערען,
דען דאס ריינע און דאס שענע
לאזט די וועלט נישט לאנג געווערען...

דו ביזט געוועז...

דו ביזט געוועזן א זיסער קלאנג
אין מיינע טעג;
א קלאנג פערוועהט,
דאס גליק פערגעהט —
דו ביזט אוועק,
ניטא דיך לאנג...

א, זיסער קלאנג, וואו קלינגסטו ציננד,
אין וועמעס ליעד?
איך הער מיך צו:
עס קלינגט ווייט־וואו...
עס ציהט, עס ציהט — — — —
וואו ביזטו, קינד?

כּל־זמן...

כּל־זמן ביזט נאָך ניט פערפאָהרען
אין די שווערע, גרויע יאָהרען,
זאָלסטו וואנדערען און פאָהרען
אין דער ווייטער וועלט...

ס'איז גענוג פאר דיר נאָך באהנגען,
וואָס זיי פיהרען דיך פון דאנען,
נאר נישט פרעג: וואוהין, ביז וואנען —
זוך נישט קיין געצעלט!

ס'איז גענוג פאר דיר נאָך שיפען,
וואָס זיי לויפען, וואָס זיי שטיפען,
אויף דעם ברייטען ים, דעם טיעפען —
זיץ ניט איף קיין אָרט!

ס'וועט די גוטע שיף דיך טראָגען
און די חוואליעס וועלען יאָגען,
וועלען יאָגענדיג פערטראָגען
דיינע זאָרגען פאָרט!

אָוועגד...

כ' בין געגאנגען, געגאנגען, ביז וואנען
כבין הינטער'ן שטאָדט שוין געשטאנען...
און שטיל איז געוועזען ארום,
א בוים האָט געשאָקעלט זיך פרום.

די זון איז ארונטער, ארונטער
דאָרט, הינטער'ן וואלד, רויט ווי צונטער;

און טונקעלער, טונקעלער ווערט —
איך האב מיך פערקלערט!

געטראכט פון דעם ביסעלע יאהרען,
וואס זענען זיך רוישיג צופאהרען...
געבליבען צו רייזען ניט פיעל ——
עס טונקעלט... פארנאכט... עס ווערט קיהל!

א פאריל איז שטיל זיך אריבער:
א מיידעל א יונגם און איהר ליעבער...
דאס פאריל אזוי ווי בעקאנט...
איך האב מיך דערמאנט...

ברען אוים...

ברען אוים, א, לעבען מיינס, ברען אוים!
דער קנויט איז ניט געבליבען גרוים...
זאלען ליכטיג זיין די לעצטע טעג
צום לעצטען וועג!

ניט גוסס, לעבען מיינס, ניט צאנק!
פערשווינד ווי א בליץ, ווי א געדאנק!
איך וויל ניט קארגען — האב עס פיינט;
זאל ליכטיג זיין בלויז היינט!

אין א רעגענדיגער נאכט.

איך ליעג און וואך אין בעט ביי-נאכט.
די גאנצע וועלט ליעגט אהן בעוועגען.
דרויסען הער איך, ווי דער רעגען
קלאפט פאמעליך, שטיל און זאכט.

מיין געדאנק — ער פליהט אליין:
א בית-עולם; ס'רוישען בלעטער;

כ׳ ליעג אין קבר אונטער ברעטער;
אויפ׳ן קבר ליעגט א שטיין...

און דער רעגען גיסט אהן סוף,
און די קאלטע טרערען טראפּען
פאלען אויפ׳ן שטיין און קלאפּען,
דאך איך הער זיי ניט—איך שלאף!...

אין וועג...

עס דאכט מיר, איך האב וואס פערלארען אין וועג,
איך ווייס דאך ניט וואס...
זאל איך צוריק געהן? — עס איז אזוי וויים,
עס איז א פערדראס!

איך האב וואס פערלארען און ווייס דאך ניט וואס.
צי האט עס א ווערט?...
גו, לאז איך עס איבער — דער טאג איז שוין קורץ
און גרויס נאך די ערד...

עס פאלען שוין שאטענס פון בוימער און בערג,
מיין שאטען איז לאנג...
דאס הארץ איז ניט רוהיג, עס שרייט: קעהר זיך אום!
דער שאדען טהוט באנג!

דא בלייב איך גאר שטעהן מיר אין מיטען דעם וועג,
אין חושך געהילט...
איך האב וואס פערלארען, איך ווייס דאך ניט וואס,—
איך האב וואס פערשפּילט!...

אויף א פערד א ווייסען.

אויף א פערד א ווייסען
וועט משיח קומען —
האב איך אין מיין קינדהייט

ציטריג-שטיל פערנומען;
און אין הערציל האבען
יונג געבליהט פאנטאזיעס,
ווי די רײנסטע בלומען.

אָ, פערגאנגען זענען
לאנגע, לאנגע יאהרען;
ס'לעבען האט דערעסען,
משיח — לאנג פערגעסען; —
דאך דאס פערד דאס ווײסע
פון דער אלטער מעשה
לעבט נאך אין זכרון...

אָ, דאס גאנצע לעבען
איז אוועק אין פלאגען;
היי, דו פערד, דו ווײסעס,
קום! און זאלסט מיך טראגען!

טראג מיך, וואו ס'איז פרידען,
וואו אתרוגים בליהען;
ווארט ניט אויף משיח —
לאמיר בײדע ציהען!

ח. נ. ביאליק.

וואו ביזטו?

פון דארטען, וואו דו ביזט, מײן אײנציגע בעשערטע,
אין שכינה פון מײן טרוים, געגלוסטע און בעגעהרטע, —
ענטפלעק זיך שוין און קום, און קום געשווינד פון דארט
אין מײן בעהאלטען ארט.

און כּל־זמן ס'איז נאָך צײַט — קום מיר אַ תּקון געבען
און קיניג אויף מײַן לעבען,
און גיב מיר מײַן גערויבטע יוגענד הײַנט צוריק —
און ברענג מיך אום צוזאַמען מיט מײַן גליק.

און אונטער דײַנע ליפּען זאָל מײַן פונק דערגליהען,
און לאָמיך צווישען דײַנע בריסט מײַן טאָג דערציהען,
ווי צוגעטוליעט פּעסט צום בלומענשוים
אַ שמעטערלינג פאַרנאַכט געהט אוים.

וואו ביזטו?

אַז דו ביזט נאָך געווען אַ ווײַטע, אומבּעקענטע —
שוין פלעגען רופען דיך די ליפּען די צוברענטע;
און מײַן געלעגער האָסטו גאַנצע נעכט געהיט,
און ווי אַ פײַער־קויל בײַ מיר אין הארץ געגליהט.

און כ'האָב געוויינט בײַנאַכט, מײַן קישען שטיל געביסען;
און ס'האָט מײַן לײַב געשמאַכט און זיך צו דיר געריסען
און אויף דער ברייטער גמרא גאַנצע טעג פערטרוימט,
אין וואַלקענדיל מיט גאָלד בעזוימט,

אין לויטערסטען געבעט, אין מײַנע רייַנסטע פרײַדען
און אין די הײליגסטע פון מײַנע לײַדען —
האָב איך נאָר איינם געגאַרט, נאָר איינם פערלאַנגט האָב איך:
נאָר דיך, נאָר דיך, נאָר דיך...

* * *

כ'בין ניט אויף אײַער רוף געגאַנגען,
איך קום צו אײַך מיט זיבען וועגען;
איך פאַל אויף אײַך, ווי טוי אויף זאַנגען
און ווי אויף טרוקען גראָז דער רעגען.

אומזיסט האָט איהר געראַשט, געליאַרמט
און מיך בעגעגענט מיט געזאַנג:

איך האָב פֿאַר אײַך אַ טויב געוואָרעמט,
און אויסגעפּיקט האָט זיך — א שלאַנג.

און זעהט: מיך ריהרט ניט אײַער שאַלען,
און אײַער הילכיגער געדרוס
ליעגט טויט צו מײַנע פֿיס געפֿאַלען
אונאיך צוטרעט איהם מיט דעם פֿוס.

פֿון אײַער אויסגעלאָשען אויג
בין איך דער לעצטער שוואַרצער בליץ,
פֿון אײַערע פֿערקלעמטע צײַהן —
דער לעצטער צאָרנדיגסטער קריץ.

און רײד איך — מוזען הימלען שטומען,
די ערד בעוועגט זיך ניט פֿון אָרט;
די שטײנער קייקלען זיך און קומען
און שלינגען דאָרשטיג גאָט׳ס אַ וואָרט.

אַ פרעהליכעם.

ניט געגנאַשט פֿון עולם-הזה,
עולם-הבא אויך נאָך גאַנץ —
וואָס-זשע פֿעהלט אײַך? — האַנד אויף אַקסעל —
און לאָז פֿלאַקערן אַ טאַנץ!

זאָלען שווינדלען פֿאַר די אויגען
פֿיס און פּיאַטעס הויך און שטאַרק,
פֿונקען זאָל פֿון שטײנער שפּריצען,
אָנצינדען זאָל זיך דער מאַרך!

וואו אַ טראָפּען גאַל פֿערבאָרגען,
וואו אַ וועה און וואו אַ וואונד —
אויסגעטאַנצט מוז דאָס הײַנט ווערען
ביז צום סוף און ביז צום גרונד!

ניט דערעסען, ניט דערשלאָפֿען,
ניט דערוואַרט און ניט דערלעבט —

וואָס־זשע זאָרגט איהר? — ווי די אָדלערס
הויבט זיך פלוצים אויף און שוועבט!

איבער גאַנצע בערג פון צרות,
איבער ימים נויט און פּיין,
טראָגט זיך מיט פערמאַכטע אויגען —
און זאָל זיין דאָרט, וואָס ס׳זאָל זיין!

איין מאָל לעבט מען, איין מאָל שטאַרבט מען,
איין מאָל קומט מען אָב דעם טאַנץ —
טאַנצט־זשע, ברידער! גאָט לכבוד
פלעכט אַ לעבעדיגען קראַנץ!

———

נישט קיין טאַטען, נישט קיין מאַמען,
נישט קיין גואל, נישט קיין פריינד —
וואָס־זשע וואַרט איהר? כל־ישראל,
אַלע זענען ברידער היינט!

אַלע, אַלע איינגעשלאָסען
אין איין גרויסען פעסטען רונג,
איינגעפלאָכטען בערד און לאָקען,
שיך און זאָקען, אַלט און יונג.

און אָהן אויפהער זאָל זיך ציהען,
זאָל זיך שלענגלען איין ער ראָד,
פון דעם הקדש ביז בית־עולם,
פון דעם שול־הויף ביז דער באָד.

נישט קיין ברויט און נישט קיין חלה,
נישט קיין פלייש און נישט קיין פיש —
וואָס־זשע זיצט איהר? — פרעהליך, ברידער!
חאַפּט אַ טאַנץ ארום דעם טיש!

———

ברייטער, ברייטער און צושפּרייטער
זאָל זיך דרעהען איינער ראָד: —

ברײט ווי טײַכען פליסט גאָט'ס נחת,
העכער הײַזער—גאָט'ס גענאָד!

יאָ, עס רינט פון באָרד און פאות,
יאָ, מען וואַרגט זיך אַזש פאַר גליק!—
טאַנצט־זשע, ברידער, האָפּײַ, שטאַרקער!—
און דאָס אײַגענע צוריק.

———

נישט אײן טראָפּען צו דערקוויקען,
אויסגעטריקענט ווי אַ קוואַל—
וואָס־זשע שמאַכט איהר? — נעמט דעם בעכער,
גיסט איהם אָן מיט גרינער גאַל.

אויסגעזופּט — און נישט פערקרימט זיך,
נישט קײן ציטער אין די הענט!
זאָל אַ קרענק דער שונא וויסען,
וואָס אין האַרצען בראָט און ברענט.

העכער, העכער הויבט דעם בעכער,
חי־געלעבט! און חי־געקוועלט!
אויף צופוקעניש די שונאים,
אויף צו־להכעיס גאָר דער וועלט!

———

נישט קײן אמת, נישט קײן יושר,
נישט קײן רחמים, נישט קײן דין —
נו, איז וואָס? דאָס רעדעל דרעהט זיך
אָהן אַ ציעל און אָהן אַ זין.

חאַפּט־זשע, זײַט אין ראָד אַ רעדעל,
מישט זיך אוים און דרעהט זיך נאָך,
אַב פון וועג זאָל יעדע גרענעץ,
אַב פון האַלז זאָל יעדער יאָך!

הפקר, הפקר, אַלעס הפקר,
הפקר ווײַב און הפקר קינד,
אַ כפרה הונדערט וועלטען
פאַר אײן שעה פון מוט און זינד!

———

* *
*

כ׳וואָלט געוועז אַ בעלן וויסען,
ווי וועט זײַן מײַן טויט?
וועט מיר מײַן נשמה אויסגעהן
מיט אַ שוואַרצען קרעלץ?
אָדער וועל איך זי אויסשפּײַען
מיט דער ביטערער גאַל?
אפשר וועט זי זיך אויסגיסען
אין אַ פּערל־טרער
און וועט ציטערען, שימרירען,
דורות לאַנג נאָך מיר
ערגיץ אין אַ פרעמדענם הארצען,
אין אַ פרעמדער קרוין?
אפשר איז בעשערט איהר אויסגעהן
ווי אַ שמעטערלינג,
טאַנצענדיג און צאַפּלענדיג
אַרום אַ חלב־ליכט?
אָדער וועט זי, מײַן נשמה,
ווי דאָס ליכט אַליין,
צאַנקען, טוקען זיך און שווינדלען
פאַר די אויגען לאַנג,
און פערפאַלען ווערען פּלוצלונג
אין אַ שוואַרצען תהום,
וואו אַרום איהר וועט זײַן אײביג
שוואַרץ און טויט, און שטום?
אָדער ס׳איז בעשערט מיר שטאַרבען
לעבעדיגערהייט
אין פּאַפּירענע תכריכים,
אין אַ ביכער־שאַנק,
וואו די מײַז, די גרויע, וועלען
גריבלען זיך אין מיר,
און צושלעפּען מײַנע ווײַסע
בײַנער אײַנציגווײַז, —
און אַ לעבעדיגער וועל איך
אויף מײַן קבר שטעהן

און אַ קדיש־יתום זאָגען,
איך — נאָך מיר אַליין...
אָדער גאָר: מיין טויט וועט קומען
אין אַ פראָסט געשטאַלט:
אין אַ ווינטער־נאַכט אַ בייזע,
ערגיץ ביי אַ פּלויט,
וועל איך, הונגעריג, פערפרוירען,
אויסגעהן ווי אַ הונד,
און דער שניי וועט מיך פערשיטען, —
און מיין לעצטער קריץ
מיט מיין קללה וועט צובלאָזען
ווייט דער בייזער ווינד...

אויף דעם הויכען באַרג...

אויף דעם הויכען באַרג, אויף דעם גריגעם גראָז,
האָב איך קינדווייז שטום אָבגעטרוימט מיין גליק...
וואָס האָב איך געוואָלט — כוויים אַליין ניט וואָס, —
כ'ווייס נאָר, אַז עס קומט קיינמאָל מעהר צוריק...

אפשר וויים דער ווינד און דער זונענשטראַהל,
וואָס האָט מיר געשפריצט אין די אויגען גאָלד,
און דער טיעפער טאָל און דער ריינער קוואַל —
וואָס מיין קינדערש האַרץ האָט זיך זיי געוואָלט...

אויף דעם הויכען באַרג, אויף דעם גריגעם גראָז, —
אַך, צו־קורץ ביזטו, קינדהייטם: טרוים, געוועןן!
אָבגעגלאַנצט אויף גיך, ווי אַ זייפענבלאָז
און געפלאַצט זוי גרינג — גלייך ווי ניט געשעהן!

און צו־שווער, צו־לאַנג איז געוועןן די נויט!...
ערגיץ אין אַ לאָך — דאָרט בין איך ארוים
אויף דער אייגנער וועלט באָדען זיך אין קויט,
וועַרגען זיך מיט בלוט, טרינקען זיך אין שוויים...

אוי, ווי שווער, ווי איינג!... נאך דארט, אוים דער שטאדט,
אויף דעם הויכען בארג האב איך זיך דערפיהלט...
ל'האב דארט שטילערהייט זיך געזעהן מיט גאט,
און מלאכים האבען זיך מיט מיר געשפּיעלט.

פרייטאג — זומער-לעב — קוים דערלעבט די שעה!
פריי פון חדר-יאך, ווערט די לופט מיר קארג:
ווער מיר מהר"ם-שיף! ווער מיר מהרש"א!
גיך אוועק אהין — אויף דעם הויכען בארג!...

דארטען עפענט זיך גאר א נייע וועלט,
אלעס באדט זיך דארט אין א ים פון ליכט.
פון איהר פוטערפאס קוקט די זון און קוועלט,
ווי דאס גרעזעל וואקסט, ווי דער ווארים קריכט.

גאנצע וועלטען גייסט גיסט אין מיר אריין
יעדער שטילער בלאז, יעדער זונענשטראהל;
מיט דעם פולען מויל טרינק איך לופט און שיין,
און אין הארצען טיעף עפענט זיך א קוואל — — —

טיעף, ווי אין דער הויך איז דער הימעל טיעף,
ריין, ווי אויף מיין קאפ איז דער הימעל ריין —
דאך אויף שטום-לשון הערט זיך דארט א רוף, —
זיין בעדייטונג איז א סוד פאר מיר אליין...

אוי, אהין, אהין... ערגיץ וויים, גאנץ וויים...—
האט מיין קינדערש הארץ שטומערהייט געגלוסט
און אזוי געבענקט... וואו? אין וואסער זייט
שטעקט דארט מיין „אהין"?— האב איך ניט געוואוסט.

נאר די שוועלבעליך האבען יא געוויסט,
און אויף פייגעל-שפראך, פליהענדיג פארביי,
האבען חאפּענדיג מיך פון דארט געגריסט
און אוועקגעשוועבט פרעהליך, פראנק און פריי.

אויף דעם הויכען בארג, אויף דעם גרינעם גראז,
האב איך קינדוויי שטום אפּגעטרוימט מיין גליק...

וואָס איז דאָס געווען? — כ'ווייס אַליין ניט וואָס, —
כ'ווייס נאָר, אַז עס קומט קיינמאָל מעהר צוריק...

עס האָט מיך פערפלאָנטערט...

עס האָט מיך פערפלאָנטערט מיט גראָז און מיט בלומען,
וואו באַבאָטשקעס צאַפּלען אין נעצען פון שטראַהלען,
וואו ס'ציטערט די לופט פון דעם גרילצען און זשומען —
און איך בין פער'כשופ'ט צו דר'ערד צוגעפאַלען.

ס'איז הייס, ס'איז שען, ס'איז גוט! — אַפילו
די האַלב דערוואָרגענע געפיהלען —
זיי ווילען אויך די זון דערלאַנגען,
און צאַפּלען ווייכע, גרינגע, שטילע,
און שטעקען קעפּלעך, ווי די שלאַנגען,
זיך ציהענדיג אַלץ העכער, העכער
מיט האַלבען גוף פון שוואַרצע לעכער.
דאָס האָט אויף מיר אַ קוק געטון
גאָטס מילדע זון.

ס'איז הייס, ס'איז גוט, גאָטס וועלטעל גלאַנצט,
אין טיפען גראָז — דאָרט שמוצערט, טאַנצט
דער סטעפּ — מיט בלומעלעך געציירט,
וואָס גאָט אַליין האָט זיי געפלאַנצט,
צושפּרייט זיך ווייט און געהט אַוועק
גאָר אָהן אַנ'אָנהויב, אָהן אַנ'עק.
און איינזאַם דאָ, צעווישען גראָז
שפּיר איך אין מיר אַ גאַנצע וועלט —
דאָס האָט געטון אויף מיר אַ בלאָז
מיט פרייען פעלד.

ס'איז שאַ, ס'איז שטיל... אָט דאָ געשווינד
איז דורכגעפלויגען, ווי אַ פייל,
אַזוינס, וואָס האָט געשמעקט מיט קינד
און ליגט שוין ווייט פאַר טויזענד מייל.

דעקלאַמאַציע.

דאָס האָט געטון אַ גלאַנץ, אַ בליץ,
און גלייך אין אויג דערלאַנגט אַ שפּריץ
מיט טראָפּענס טוי פון זיס'ן גליק,
פון יונגען גליק, וואָס ווערט נישט אַלט,—
דאָס האָט אויף מיר געטון אַ בליק
דער גרינער וואַלד.

א. ליעסין.

* *
*

און דער אָווענד איז בייז און פערזאומערט,
און דאָס האַרץ איז מיט אַנגסט איבערפילט,
און די וואָלקענס, זיי יאָגען און יאָגען,
אין געהיימניס און חשך פערהילט.

און דער הימעל איז פול מיט בעוועגונג,
פול בהלה און פינסטערע מאַכט;
און די וואָלקענס, זיי יאָגען דערשראָקען
און פערשווינדען אין שטורם און נאַכט.

אַזוי פליהען די טעג און די יאָהרען
דורך די טהאָלען פון יאָמער און פיין
אַזוי טראָגען זיך דורות נאָך דורות
אין דעם אייביגען גאָרנישט אַריין.

אַזוי געהען די לעבענס צום קבר,
אין געהיימניס און חשך פערהילט,
און דער אָווענד איז בייז און פערזאומערט,
און דאָס האַרץ איז מיט אַנגסט איבערפילט

אַנ׳אַלטע פֿאַרגעסענע שטימונג.

אַנ׳אַלטע, פֿאַרגעסענע שטימונג,
אַ בילד פֿון מײַן קינדהײַט ערוואַכט —
עס שטעהט פֿאַר מיר אויף דער בית־מדרש
און טרויער פֿון שבת־פֿאַרנאַכט.

דער שטאַרבענדער שבת־שטראַהל רויטעלט
געזילבער און סטענדערס און ווענד;
אַ ווײַלע, ער האָט שוין פֿערלאָשען,
דער הײליגער טאָג איז צו ענד!

איך זיץ צווישען הודזשענדען עולם,
פֿערוויגט פֿון האַלב־דונקעלען רויש,
און קוק, ווי די מענשען און שאָטענס,
זײַ מישען זיך אומעטום אוים.

איך קוק אויף דעם זוים פֿון דעם הימעל,
ער גליהט אַלץ און גרוילט מיר און שרעקט;
עס דוכט זיך, אַזוי ווי ער וואָלט דאָ
אַ בײזע געהײמנים פֿערדעקט.

אַלץ פֿינסטערער ווערען די פֿענסטער,
איך קוק אויף דעם הימעל און טראַכט:
באַלד־באַלד — און עס ווערט ניט דער שבת
עס קומט שוין די שבת־צו־נאַכט!

באַלד פּאַטשט אויפ׳ן בימה דער שמש,
באַלד קרעכצט שוין דער מעריב אַרויס,
און אויבען אין הימעל דאָרט פֿאַנגט זיך
אַ מהומה, געוואַלטיג און בײז.

אַ מחנה מחבלים ערשײַנט דאָרט,
אַ פֿינסטערע מחנה, אַ שרעק!
זי קומט און שלעפּט די רשעים
צוריק אין דעם גיהנם אַוועק.

אוים שבת, צוריק אינדערוואָכען!
און ס׳דוכט מיר, אַזוי ווי איך הער
אַ ביטערעס וויינען, אַ יאָמער;
אויפ׳ן הארצען ווערט חושך און שווער.

עס געהען די רשעים אין גיהנם
מיט ביטערען, ווילדען געוויין;
אוים שבת, צוריק אינדערוואָכען,
מ׳דארף מאָרגען אין חדר שוין געהן!

די אַלטע, די קינדערשע שטימונג,
ווי שמערצליך זי פּייניגט מיך נאָך —
וואָס טויג אונז דער פרעהליכער שבת,
ווען, ענדליך, מוז קומען די וואָך!

וואָס טויג אונז די רוה, ווען דערביי שוין
איז אימער אַ גיהנם געגרייט!
וואָס טויג אונז דאָס לעבען אינגאנצען,
ווען, ענדליך, מוז פאָלגען דער טויט!

אַלץ פינסטערער ווערען די פענסטער,
דער הימעל פערדונקעלט אַלץ מעהר —
באַלד־באַלד — און עס פאַטשט שוין דער שמש,
אויף׳ן הארצען איז חשך און שווער...

י. י. פראָפּוס.

איך בין אַזוי עלענד.

איך בין אַזוי עלענד —
מיט דיר, ווי אָהן דיר;
עס פאָלט ניִשט דאָס הארץ מעהר,
קלאָפּט עמיץ אין טהיר...

✽

טיק-טאַק שלאָגט דער זייגער —
איז פריה אָדער שפּעט? —
מיך רייצט נישט דיין קומען,
דיין קוש און דיין גלעט!

✽

אַך, פרעג נישט און זוך נישט
צו דעם קיין בעשייד —
עס איז אַזוי נאַריש
און ס'טהוט אַזוי לייד!

✽ ✽ ✽

ס'רוקט זיך אָן די נאַכט, די שוואַרצע,
ס'רוקט זיך אָן די גרויע עלטער —
ס'ווערט דאָס אויג וואָס מעהר פערלאָשען,
ס'ווערט דאָס הארץ וואָס קעלטער, קעלטער.

✽

בלומען בליהען און פערוועלקען,
זונען לייכטען און פערגעהען —
כ'האָב געפיהלט נור קעלט און יאוש,
כ'האָב געהערט נור ווינדטען וועהען.

✽

קום-זשע גיכער, גרויע עלטער,
טהיר און טויער שטעהען אָפען —
איך וועל געהן אַ קדיש זאָגען
נאָך מיין בענקען, נאָך מיין האָפען.

אַך, נישט לויפט אַזוי, איהר, יאָהרען.

אַך, נישט לויפט אַזוי, איהר, יאָהרען,
לאָזט אַ ווייַלע זיך בעזינען;
לאָזט אין חושך פון מיין לעבען
מיר איין ליכט-שטראַהל האָטש געפינען!

✽

ס'איז דער וועג שוין באלד געענדיגט,
נאך א צאפעל, נאך א ציטער. —
איך וועל אויסגעהן נור אין בענקשען
נאך א דונער, א געוויטער...

✽

שטעלט זיך אב א ווײלע, יאהרען,
לאזט א „זײט־געזונד" אײך זאגען...
אך, איהר לויפט, ווי ס'וואלט א בענקשאפט
נאך א יוגענד אײך געטראגען!

ז. שניאור.

✽ ✽
✽

זײן עלענד — איז ביטער, געליעבטע,
און מענשען אין שטאדט זענען קײטען!
מײן יוגענד שטעהט גרײט מיט די נעגעל:
— צורײסען זיך זעלבסט, צי דעם צווײטען?

און בלוי איז דער הימעל און זילבער,
אקאציעס בליהען און ווינקען;
עס ברוזען די טײכען פון פריהלינג, —
צי טרינקען פון זײ, צי דערטרינקען?

איך הענג צווישען מענשען און עלענד, —
וואס זאל איך?... צי נעהמען, צי געבען?
כ'האב פײנד האלבע טענער און פארבען, —
און האסען און דורשטען דאס לעבען.

א, זײ מיר, מײן ווײב און געליעבטע,
א בריק צווישען עלענד און מענשען!

כ'וועל נעהמען דיין קאָפּ, ווי אַ תּורה,
און קושען און וויינען און בענשען...

אין דלילה'ס אָרעמס.

וועה מיר, וועה מיר, טעג פערגעהען!
אין די ימים פאַלען טיילען,
וועלדער רוישען, קרעפּטען ברוזען,
איך מוז שווייגען, איך מוז ווײַלען.

כ'בין פערוויגט אין דלילה'ס אָרעמס,
כ'בין פערחאַפּט אין קאַלטע לאָקען;
אַטלאַס רוישט מיר זיס ווי גראָזען,
ס'שמעקט מיט וואַלד פון פרויען-זאָקען.

כ'זעה קיין שטערען, כ'זעה קיין הימלען,
ס'ברענען צייהנער, אויגען ווינקען; —
הייס, עלאַסטיש פרעסען ברוסטען
און פערגיפטען און בעטרינקען.

— „וויג מיך, דריק מיך, שלאָנג מיין זיסער,
בייס מיך, זויג מיך, קאַץ און מוטער!"...
און זי נאָגט מיך און זי קושט מיך:
— לאָז דיך ליעבען, זיי אַ גוטער!

טרינק מיין גיפט, אָ, טרינק און שמייכעל!
שטרעב ניט, זינק ניט, געה ניט העכער;
ווערסטו נור צו טאָט ערוואַכען, —
איז שוין גרייט אַ צווייטער בעכער.

שלאָף, מיין בענקער, וויים דאָס לעבען...
וואָס דיר אויבען, וואָס דיר אונטען!

האסט מיין יוגענד אויפגעזונגעלט —
שפריצט דאס גליק פון אלע שפונטען.

❀

און איך טרינק און טרינק און דרעמעל:
וועלדער רוישען, ווינדטען וועהען;
נאר די ליפען פלאפלען עלענד:
—„וועה מיר, וועה מיר, טעג פערגעהען!"

האב פיינד!

איך ווינש דיר קיין רייכטום, איך ווינש דיר קיין ליעבע,
מיין פריינד;
די פריינד זענען עלענד, ווי דו... און טעג לויפען טריבע,
און רייכטום פער'שכור'ט, ווי שוימענדער, גאלדענער וויין;
איך וויל, זאלסט זיין טיעפער און שטארק זאלסטו זיין...
האב פיינד!

❀

האב פיינד, און וואס מעהרער — אלץ בעסער, —
מיין פריינד!
זיי שטייען, וועלכער ענטפערט מיט פונקען דעם שלאגענדען מעסער,
האב פיינד, וועלכע ברענען, ווי פייער, און קיהלען, ווי פראסט.
און ביזטו געבוירענעם גאלד, האב קיין מורא פאר ראסט, —
האב פיינד!

די גאלדענע לאקען און ליעבע און בלומען
און פריינד, —
דאס קומט שוין אליין, א, די מוזען שוין קומען!
די פאלען, ווי בלעטער פון פורפור אין הערבסט, צו די פיס,
זיי שווארצע און צייטיגע טרויבען, זאפטיג און זיס, —
האב פיינד!

❀

האב פיינד... און אפילו ווען ס'קומען די ביטערע שטונדען,
מיין פריינד, —

די טעג, ווען עס גרויען די האָר און עס נאָגען די וואונדען,
די טעג פֿון אונענדליכער בענקשאַפֿט און ליעבע און גיפֿט;
עס ציהען זיך זאָרגען, געדאַנקען, אַ רעגענדיל טריפֿט, —
האָב פֿײַנד!

———

האָב פֿײַנד — און אפילו מען טײַטעלט אויף דיר מיט די פֿינגער,
מײַן פֿרײַנד:
— אָט געהט ער, דער שונא, דער שלאַנקער, דער עלענדער זינגער.
בײַ אונז אָבער, ווײַבער געטרײַע, בײַ אונז איז דאָס גליק,
און וואַרימע ווינקלען און אָרעמס, אַ קינדערשער בליק, —
האָב פֿײַנד!

❁

און גלויב ניט... דו טאָרסט זײַער אמת ניט דיענען,
מײַן פֿרײַנד;
זײַער אמת איז ביליג. און דער וועט דיר קײנמאָל פֿערגינען
דײַן רײַכען און שאַפֿענדען „ליגען", דײַן עלענד אָהן ברעג,
זײ ווילען פֿערשטעלען מיט קלײַניגקע גליקען דײַן וועג...
האָב פֿײַנד!

יעקב פֿיכמאַן.

❁ ❁

❁

דער אָוועגד קומט. אַלץ קלאָרער קלינגט מײַן ליעד.
איך בין פֿון לאַנגע וועגען נאָך ניט מיד.
איך ליעב נאָך אַלץ דאָס בלײַכע גראָז בײַם וועג,
וואָס האָט געטרײַסט מײַן האַרץ אין אַלטע טעג.
איך ליעב דעם מערב־רוים אין רויטען בלוט,
און אין די בערג דעם קלאַנג פֿון ײַנגען טריט.
עס קלאָגט מײַן רײַנעם ליד ניט, ניט זי שעלט,
נאָר אײַנזאַם קלינגט זײַן קול אין אָוועגד־פֿעלד.

אַלץ רויטער בלאַנקט דער אָוועגד. קיהלער ווערט.
איך ליעב נאָך אַלץ די שענע, ליעבע ערד.

איך ליעב דעם סטעפּ-טוי און דעם פרייען ווינד.
פון זיי האָב איך מיין טרויער-גאָלד געשפּינט.
נאָר שווערער ווערט מיין האַרץ פון טאָג צו טאָג.
איך ווער טאָג-טעגליך רייכער. דען איך טראָג
די לאַסט פון טרויער און די לאַסט פון גליק.
נאָר אייביג דאָרשטיג בלייבט נאָך אַלץ מיין גליק.

משה טייטש.

פאַרנאַכט.

ווי די ווייסע צויבער-שיפען
אין די שטילע אָוונד-שעה׳ן,
שווימט א וואָלקען נאָך א וואָלקען
אויף דעם הימעל-ים דעם בלויען.

און עס אָטעמט עמיץ נאָהענט,
א פער׳חלום׳טער, פון אויבען.
לאַנגזאַם ציטערט אין דערלופטען,
ווי א פלאָנטערען פון טויבען.

און עס ברענען, ווי אין גינגאָלד,
אויף די הייזער—שויבען, דעכער,
און די שאָטענס ווערען לענגער,
און די אָוונד-קלאַנגען העכער.

זעה, אין מערב... ס׳ווערט פערפלייצט דאָרט,
קראַנק פון בענקעניש, צושראָקען,
די צוקלעמטע טאָג-פּרינצעסין
אין א ים פון פּורפּור-לאָקען.

רוהיג, מענש... עס וועט באַלד קומען
די פערליבטע נאַכט אין שוואַרצען
און זי וועט די וועלט פערוויגען,
ווי א מאַמע טריי ביים האַרצען...

דעקלאמאציע.

ליטא.

בארג ארויף, בארג אראב—אויף ווערסטען, אויף מײַלען
עס שלעפט זיך א פוהרעל, עס סקריפּעט אנ׳אקס;
פערװאומערטע קוקען די מאגערע תבואות,
עס שמײַכעלט צו ביטער דער שיטערער פלאקס.

עס ציהען זיך גריקעס—ווי נידעריג, ארים:
שוין צײַט באלד צו שנײַדען, נאר ס׳קעפּעל איז פוסט —
און איבער די מעזשעס פערדארטע זיך ציהען
א רײַהע געװועקסען—האלב גראז און האלב־קוסט.

און ווײַטער און ווײַטער... דארט פליסט שטיל די ווילִיע,
די ליטווישע מאמע צום ניעמאן זיך ציהט,
זי ברענגט א מתנה די פישער איהר אײַגענס
און טראגט אין די ארעמס א פליט נאך א פליט.

און פאזע די ברעגען צעווארפענע שטעהען
פיעל ארימע הײַזלעך, געדעקטע מיט שטרוי,
און ס׳קוקט מיט א נאגענדען טרויער אין וואסער
פון אויבען דער הימעל, פערוואלקענט און גרוי.

און ס׳ארבײַט דער פויער פון סאמע בעגינען
אין פּרובטלאזען פעלד, אויף די טרוקענע זעמד:
בילדער פון ליטא, פון ארימען הײַמאט,
ווי לעבעדיג שטעהט איהר פאר מיר אין דער פרעמד!

ל. שפירא.

* *
*

נאהענט, נאהענט! עס טונקעלט דער טאל,
און סטרונעס רויך פון איהם שטײַגען צום הימעל.
ס׳טײַבעל פינקעלט... די מיהל שטעהט אין דרימעל...
אלעס, אלעס ווי דאן, ווי אמאל!...

זײַ געגריסט, מײַן ליעבהאַרציגער טײַך,
די אַלטע מיהל אויפ׳ן וואַסער דעם שטילען!
ווײַסט איהר, וועלכע עס בריזען געפילען
אין מײַן האַרצען בײַם קוקען אויף אײַך?...

זײַ געבענשט, מײַן געבורטס־אָרט, מײַן וויעג,
וואו כ׳האָב צום ערשטען געעפענט די אויגען!
זעהסט, איך קום איצט אָהן שווערד און אָהן בויגען
פון דעם גרויסען, דעם אײַביגען קריעג!...

פריעד און זעגען, מײַן קינדהײַט! הלואי
וואָלט איך ווידער אין שוים דײַנעם ליעגען.
איך וואָלט פּרובען נאָך פאַלען און זיגען,
איך וואָלט שפּיעלען נאָך וועלען אויפסנײַ!...

דוד איינהאָרן.

יודישע עלעגיעם.

I,

אַ צער פון טויזענד דורות ליעגט אויף מיר;
די גרויסע פּײַן געשטעמפּעלט האָט מײַן שטערען.
מײַן טײַערע, ווער ווײַס, צי איך וועל ווען
דעם שופר פון מײַן אויסלײַזונג דערהערען?

מײַן טײַערע, איך ווײַס ניט, וואָס איז שווער,
צי הבל׳ס טויט, צי קינ׳ס לאַנגעם לעבען, —
נאָר מיך בעשטראָפט אין צווײַען האָט מײַן גאָט:
ער האָט דעם צער פון בײַדען מיר געגעבען.

אַלײַן בין איך פון אַלעמען פערשעמט
און טראָג אויף זיך די זינד פון אַלע מענשען —

וואו נעהמט מען, זאג, די כחות פון א מאל:
אין פייער געהן—און גאט פון דארטען בענשען?

II.

פאראוים איז גאר ניטא, דער וועג וועט זיין אונענדליך...
בעהאלט זיך ערגעץ וואו, און גיב זיך אב דיין טרוים.
נישטווארט אויף איהם, מיין פריינד, ער וועט צו אונז נישט קומען,
דערשלאגען ליגט ער ביי די טויערען פון רוים.

נישטא קיין רחמים מעהר; דער הימעל איז פערשלאסען;
די שכינה איז אוועק, געלאזען אונז אליין.
און גרוים איז אונזער צער, ער שטייגט אריבער וועלטען,
און מיר, מיר זענען מיד אנטקעגען איהם און קליין.

דער זיידע איז שוין טויט, די ליכט אין שול פערלאשען,
דאס לעצטע אויג פערמאכט, די לעצטע וואנד צושטערט.
איין טרייסט איז נאך פאראן: עס וועט מיט אונז צוזאמען
אויך אונטערגעהן די לעצטע גאולה פון דער ערד.

* *
*

מיין ליעד איז געפאנגען אין ריטם פון טרויריגע שטילע געזאנגען,
עס סוד'ען די ווערטער, ווי בלעטער, וואס וועלקען און פאלען פון בוים;
עס ציהען זיך פערזען נאך פערזען, ווי בייטען מיט שפעטיגע זאנגען
פון אונטער א הימעל א גרויען, וואס זיפט מיט א רעגעלע קוים...

אזוי ווי א מחנה יתומים, וואס בלאנדזען אהן טאטע, אהן מאמען,—
אזוי זוכען אוים מיינע ליעדער א זעלע, וואס זאל זיי פערשטעהן,
און שטיל אין דער וועלט, מיט דער עלענדער איינזאמער שכינה צו-
זאמען,
בעקלאגען זיי פאר זיך דעם חורבן און זוכען א טרייסט אין געוויין.

פערוואגעלט איך, ליעדער, פערוואגעלט! געפינט וואו א שוהל א
פערלאזטע,
וואו ס'דאוונען די פויגעלעך שחרית און מעריב דער נאכטיגער
ווינד.

פֿערוואָגעלט אײַך! טאַמער געפֿינט זיך נאָך דאָרטען אַנ׳אויג אַ פֿערטרעטעַ
און ס׳מורמעלט נאָך „טאַטע״ און „מאַמע״ אויף יודיש אַ יודישעס קינד.

מנחם.

אוים דער פּאָעמע „פּוילען״.

כ׳בין נישט געוואַקסען צווישען דײַנע פּריצים־פֿעלדער, פּוילען!
דו האָסט מײַן עלטער־זײדען נישט געזעהען וואַנדלען
אויף שטעג און וועגען אין דער נאַכט־פֿינסטער פֿערהוילען,
דעם פּעקעל דלות פֿון די פּלײצעס צו פֿערהאַנדלען,
עס האָט מײַן זײדע אין אַרענדע נישט געהאַט בײַ דיר קײן פּאַלאַץ,
דו האָסט די גראָבער פֿון דײַן אַקער־פֿעלד אין ווינטער־נאַכט
זיך נישט געטראָפֿען וואַרימען בײַם טאַטען מײַנעם אין אַ שענק;
און איך פֿון מײַנע קינדער־יאָהרען קוים כ׳געדענק,
אַז איך זאָל אין מײַן גרויער הײם, אין יענער ליטא,
וואו ס׳האָט אַמאָל, אין שמערץ אויף דיר אַ אויפֿגעבליהטע,
פֿון דײַן בעליעבסטען דיכטער אויפֿגעברויזט דאָס ליעד
דערהערען ווען דײַן שפּראַך, די ווײַבליך־ווײכע.
אין בלאָנדזענד־זוכעדיגען שטראָם פֿון טויזענד בלײכע,
שוין מיט׳ן גלות־שטעמפּעל אויף די יונגע שטערענס אויסגעגליהט,
האָט עס אויך מיך געבראַכט אַהער, אַ בענקענדען און רויהען,
און ס׳האָט דאָס יונגעל־האַרץ געגלויבט אין דײַנע טהויען
דעם פֿרעמדען שטויב פֿון וועהטאָג אָבצושווענקען,
און ס׳האָט געדראַכט אין ציטערדיגען יונגעל־בענקען
דאָ ערגעץ וואו אַ נאָהנטע ברידערליכע האַנד צו שפּירען,
געפֿיהרט צו ווערען גרײט — און גרײט צו פֿיהרען.
איך האָב געוואוסט — עס העגנט אויך איבער דײַנע הימלען
אַ וואָלקען שווער; געפֿיהלט, ווי צווישען פֿעלזען־שטיקער
פֿון דײַנע אַלטע חורבות שטילע שאָטענס ווימלען;

גזעהען פֿון דער פֿרעמדער אַ פֿלאַסטער שטויב, אַ דיקער,
בעדעקט די לעבעדיגע שפּורען פֿון דײַן אַלטען רוהם
און גליווערט שטום דאָס אַלטע ליעד, ווי שטום
געווען פֿאַרצײַטען איז אויך אונזער יאָמערן־געזאַנג
בײַ די פֿערצאָגטע בוימער, בײַ די וואַסערן פֿון בבל.
עס האָט גע׳חלום׳ט — כ׳בין אין שטויב געקומען צו אַ נ׳אבל,
דער קבר פֿריש, דער מת אַוועק נישט לאַנג —
און כ׳האָב געפֿיהלט אזוי, ווי דער, וואָס ד׳אַלטע קלאָג
האָט איהם שוין טויב געמאַכט אין וועה־טהון טאָג אויף טאָג,
צום יונגען, אין זײַן שמערץ נאָך נישט פֿערשטיקטען, ברודער פֿיהלט.

נאָך נישט דײַן שפּראַך געקענט — און ס׳איז שוין מילד
געווען איהר קלאַנג פֿאַר מיר. אין יעדען אַלטען מויער
פֿון דער נאָך פֿרעמדער שטאָדט האָב איך דײַן טרויער
אין שויבען טונקעלע און אָרנאַמענטען אַלט געזעהן.
פֿול אונבעקאַנטער עהרפֿורכט נעבען יעדען שטײַן,
אויף װעלכען בראָנז פֿעראייביגט דײַנע גײַסט־בעקרוינטע זיהן,
האָב איך דעם קאָפּ געבויגט. און ווען פֿערטראָגען האָט עס מיך אַהין,

וואו ס׳פֿאַליען זיך אין ברײטקײט דײַנע גאָלדענע זאַנגען,
האָב איך אַ ווײַלע שיעור געגלויבט — איך בין דײַן קינד.
פֿון ווײַטען, צווישען סאָסנע־שטאַמען, איז די זון פֿערגאַנגען,
עס האָט דאָס פֿעלד בײַ מײַנע אַקסעל זיך געוויגט אין ווינד,
אין שטילען אָוועגד־ווינד, וואָס האָט פֿערטראַכט געצויגען
נאָך וואָלקענדלעך בעגילדטע איבער דעלער שטרוי,
עס האָבען קלאַנגען, פֿרײַ און סודות׳דיג, מײַן קאָפּ געבויגען
צו דר׳ערד, — און ס׳איז דעם קינד פֿון שטאָדט געווען אַזוי,
ווי כ׳זאָל צום ערשטען מאָל דערזעהען גאָט׳ס וועלט,
און פֿאַלען — האָט׳ס געהײסען — מיט׳ן פּנים אויפֿ׳ן גראָז פֿון פֿעלד,
און בענשען דיך, דיך, פּוילען, בענשען פֿאַר דער ווײַלע גליק,
וואָס איז מיר דאָ בעשערט — — —
איך ווײס נישט ווער
עס האָט די ברכה מיר פֿערהאַלטען, כ׳האָב צוריק
די פּים געגלײַכט, דערוואָרגען פֿון בעגײַסטערונג די טרעהר,
איך האָב דיך נישט געבענשט, דו לאַנד, וואָס הונדערט דורות

גאטספארכטיגע בעשיצער אויפ'ן גלאנץ פון ירושה־הערבען
פון דיינע פעלד און וואלד־ריחות געראכערט האבען קטרת
דעם גאט פון לייכטזין, רייגע פולע זאנגען־גארבען
אויף שפייז פאר איהם געדראשען, און די קינדער פון דיין ערד
פאר זיינע לייב־דיענער פערפוצט אין העלם און שווערד;
וואס האבען דיך אליין אין לוסט פון צייט־פערטרייב
פאר גאר דער וועלט פערוואנדעלט אין א לייכטזין־ווייב, —
איך האב דיך נישט געבענשט אין יענעם אוונד־גאלד,
און כ'וויים אצינד — איך האב דיר בענשען, פוילען, נישט
געוואלט.

ז. סעגאלאוויטש.

מען באדט זיך...

עס הילכען געלעכטערם פון זארגלאזע קינדער,
עס שפריצען די חואליעס מיט זילבערנעם שוים,
די פויגלעך פון ברעג ווערען אלע פערשוואונדען,
די פישלעך אין וואסער בעהאלטען זיך קוים...

די שטיפערס, זיי יאגען נאך איינער דעם צווייטען;
עס רייצט זיי, עס פרעדט זיי דאס לוסטיגע שפיעל;
נאר ווערט פון זיי איינער אין וואסער פערפאלען,
דאן בלייבען זיי אלע צושראקען און שטיל.

דאך באלד שוין דערהערט זיך א קוויטש, א געלעכטער,
די חואליעס צוהוליען זיך ווילד אויף דאס ניי;
ס'בעווייזט זיך א קאפ און א ראזאווער קערפער;
צוויי הענד, ווי צוויי פליגעל, בעוועגען זיך פריי...

עס קומען די טאטעס די שטרענגע, די שטילע
און טהוען געלאסען זיך אויס אויפ'ן ברעג.
זיי שטעלען אריין א פאר טריט נאר אין וואסער
און לאזען זיך אויך מיט די שטיפערס אוועק...

דעקלאַמאַציע.

נאָר אײנער זיצט מיד אויפ׳ן זאַמדיגען בערגעל;
אַ נאַקעטער קערפּער, אַ שוואַרצער קאָפּ האָר;
ער שווײַגט און זעהט אויס, ווי אַ ספינקס פון דערווײַטען,
ער שפּיגעלט אין וואַסער זיך אָב אַזוי קלאָר...

עס צאַפּלען זיך קערפּער אין זילבערנע חוואַליעס;
פון יענער זײַט ווײַקסעל דערגרײַכט אַ ג[illegible]שרײַ.
דאָרט טאָר מען נישט קוקען, דאָרט באָ[illegible] ע[illegible]יך מײדלעך —
די זון, בלויז די זון, מעג זיך שפּיעלען מיט זײַ...

❁ ❁
❁

אויפ׳ן באַרג איז דער שנעע ניט גערירט,
אויפ׳ן באַרג האָט דער ווינד בלויז שפּאַצירט...

איצטער רײַצט מיך די ווײַסקײַט און בלענדט,
איצטער האָב איך גאָט׳ס לעבען דערקענט.

אונטען שײַנען די הײַזלעך אין שנײַ,
און דער נאָדעל־וואַלד גרינט נעבען זײַ.

און די בלויקײַט פון שלענגעלע רויך
שיקט אַ האַרציגען גרוס אין דער הויך,

שיקט פון דערפעל אַ האַרציגען גרוס —
נור איך וואַנדער שוין ווײַטער... איך מוז.

שמואל־יעקב אימבער.

❁ ❁
❁

עס קומען די שעה׳ן מײַן האַרצפרײַד צו רויבען,
עס קומען צו שוועבען געדאַנקען ווי טויבען,
ווי טויבען מיט העלזער צום חלף־שניט אָפען —
און כ׳טראַכט פון דעם חורבן, וואָס האָט אונז געטראָפען.

און כ'האב נישט קיין רוה און קיין רוה וועל איך האבען,
ביז כ'וועל נישט די טויבען פערוואנדלען אין ראבען —
אך וועל זיי פערברענען און וועל זיי פערשווארצען
אין פייער פון סנה, וועלכער ברענט אין מיין הארצען!

וואנדער־לידער.

איך האב זיי געזעהן, די פויגעלעך קליין,
זיי זענען געפלויגען אין זוניגען שיין,
זיי זענען געפלויגען מיט פרייד און מיט גליק
אריבער דעם ים צו די נעסטען צוריק.

און כ'האב מיך דערמאנט, וואס כ'פערגעס נישט קיין מאל:
דאס נעסט פון מיין הארצען, דאס שטעדטיל אין טאל;
מיין בליק האט מיט טרערען די פויגעל בעגלייט —
געליעבטע, דיין נאכטיגאל בלייבט אין דער ווייט!

❁ ❁
❁

א גאנצע נאכט איבער'ן ים געקוקט
צו יענער זייט, וואו דו פערברענגסט —
א גאנצע נאכט איין ווארט געשיקט:
געדענקסט?

און ס'האט דער מארגענווינד געבראכט
אנ'ענטפער מיר אויף מיין געוויין —
ס'האט קאלט דער מארגענווינד געלאכט:
אוי, ניין!

❁ ❁
❁

א שטערען קוקט אין ים אריין,
מיין ליעדעל פליהט צו דיר —

דער ים פֿערטאָפּעלט שטערנשײַן,
מײַן ליעד שטאַרבט פֿאַר דײַן טיר —
דו לאָזט מײַן ליעדעל ניט אַרײַן
אין הערצעלע צו דיר.

כ'וועל וואַרפֿען מיך אין ים אַרײַן,
אין ים אַרײַן דורך דיר,
כ'וועל וואַרפֿען מיך אין ים אַרײַן,
מיט אַל' מײַן ליעד־געקליר —
דאַן וועל איך לײַכטען שטערען־שײַן
אין הערצעלע בײַ דיר.

ב. לאַפּין.

* *
*

ס'איז אומעטיג ... ניטאָ אײן פֿרײַנד,
מיט וועמען כ'זאָל מײַן אומעט טײלען;
אין האַרצען גליהט מיר אַ פֿערלאַנג,
ניטאָ פֿאַר וועמען איהם דערצעהלען...

*

ס'איז אומעטיג ... און רגע־ווײַז
שטאַרבט אָב אַ שטילער טרוים פֿון לעבען;
איך האַלט אַ בלומען־קראַנץ אין האַנד —
ניטאָ, אַך, וועמען איהם צו געבען...

*

ס'איז אומעטיג... און ס'ציהען זיך
די טעג און יאָהרען שוואַרץ, אָהן פֿאַרבען...
איך זינג אַלײן מײַן טרויער־ליעד —
זי וועט מיט מיר צוזאַמען שטאַרבען...

דעקראמאציע.

*

איך האב, מיין קינד, ביז אהער ניט פערשטאנען,
דו ביזט פאר מיר שטענדיג א רעט'ניש געוועען.
איך וויים, אז דיין בליק האט פערבארגען פיעל סודות,
און איך האב געקוקט און האב גאר ניט געזעהן...

*

געזאגט האסטו מיר, אז דיך מאטערט א בענקען,
אז, ס'גליהט א פריהמארגען ביי דיר אינ'ם ברוסט.
נאר פרעמד איז דיין רייד'ן מיר, קינד מיינס, געוועזען,
וואו בלאנדזשעט דיין בליק אום, האב איך ניט געוואוסט...

*

איצט, טייערע, וואלט איך דיך אפשר פערשטאנען
כ'וואלט פיהלען דיין ליידען צוזאמען מיט דיר;
נאר איצטער האט דיך שוין דאס בענקען פערלאזען —
און ס'האט זיך צוגליהט אינ'ם הארצען ביי מיר...

בר-כהן.

א קרעמער.

א קרעמער — א שפאן,
און פאלקעלעך צוויי
און סחורה פארהאן
איז היבשע אויף זיי.—

אי הערינג אי מעהל,
א פעקעלע טהיי,
אי זעמעל ביים שוועל,
אי קעז צווייערליי.

און פוטער גאר פריש,
און פעפער, אנ'איי;
און טשוועקעס, און ניס,
און קויהלען, און קליי...

נאר לייזונג איז קנאפ
מיט מוזמען פאר זיי —
א חאפ און א לאפ
אויף א וואך און אויף צוויי...—

דעקלאמאציע.

עס פליהען די יאהרען.

עס פליהען די יאהרען,
עס קריכען די טעג,
אך, קורץ איז דאס לעבען,
און ס'ציהט זיך דער וועג, —

א זומער, א ווינטער,
א חשך, א שטראהל;
א בליה און א טריקען,
א הויב און א פאל...

א הימעל מיט שטערן,
א נעבעל ארום;
א הארץ מיט געפיהלען —
איך שטיק זיך, און שטום!...

יוסף טונקעל.

פארנאכט.

איך האב מיין פריהלינגס-טרוים פערצעהרט,
איך האב מיין זומער-גליק פעראטען...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין גרינעם וואלד, דורך ליכט און שאטען,
אין מארגענס-פראכט פון שטראהל און טוי,
אין זאנפטען פעלד פון בלום און בלאט,
אין מילדען רויזען-אראמאט —
בין איך געגאנגען...

איך האב זיך צו דער סאמעט-גרינער ערד
געטוליעט און געדריקט,
ווי צו דעם בוזעם פון א יונגער שענער פרוי;
איך האב דעם בלומען-דופט געזויגען,
די צארטע בלעטעלעך געפליקט.

און צו דער ערד געבויגען
די גאָלדען־זאנגען...

און אין די זומער־נעכט
האט מיך מיין ליעבסטע אויסגעקושט,
אין זיסען שלומער מיך פערוויעגט...
און אויסגע׳חלומ׳ט האב איך מיין גן־עדן,
און פערוויסטעט האב איך מיין גן־עדן;
פערצעהרט די בלומען פון מיין יוגענד־לוסט,
די פלאנצונגען צוריסען פון מיינע האפנונגס־פרייידען
און פערשוועכט...

אצינדער ציהט זיך לאנג
און שלענגעלט זיך נאך מיר א שווארצער שטעג, —
א שלאנג פון אבגעלעבטע טעג
אהן פארבען און אהן גלאנץ...
א קראנץ
פון פערוועלקטע בלומען, דארע בלעטער,
און פון צובראכען־טויטע געטער
א מתים־טאנץ...

איך רייס מיין בליק מיט אנגסט אוועק
און קוק פאראויס:
עס פאלט מיין שאטען לאנג און שווארץ
און אומגעלומפערט גרויס,
און פילט מיין הארץ
מיט דעמערונג און שרעק...
עס שטומט דער טריל פון נאכטיגאל,
עס גליווערט טויט דער וואסער־קלאנג;
א פוילער ווינדטעל שפיעלט זיך אויפ׳ן לעצטען שטראהל
פון זונען־אונטערגאנג...

שרה רייזען.

דאס לעבען.

דאס לעבען איז א שלאכט־פעלד,
דו נעהם געוועהר, וואס מעהר,

און לאָז איך זעל פערבאָרגען
פון אויג די שטילע טרעהר.

דאָס לעבען איז אנ'אכזר,
דו זייַ נאָר שטאָלץ און גרעה,
און לאָז איך זעל פערזינקען
דיין שטילען, טיעפען וועה.

דאָס לעבען איז א תלין,
עס האָט פאַר דיר א שטריק,
נאָר קעמפף, נישט לאָז זיך פאנגען,
האלט-איין דיין ברעקיל גליק!...

ת. ראָזענבלאַט.

צוויי חברים.

בערעל חיה'ס, בערעל פייע'ס,
צוויי בכבוד'יגע זקנים.
זיעבען צענדליג יאָהר און מעהרער
אין דעמזעלבען געסעל שכנים.

ביידע אינגעלוויַז געלערענט
ביי איין רבי'ן, פון איין סידור,
ביידע זיך אין קלויז געוואלגערט
און פערהא־טען זיך ווי ברידער...

ביידע אין איין צייט בר-מצוה,
ביידע אין איין צייט חתנים,
ביידע ווערען בעל-הבית'לעך,
נאָכדעם סוחרים'לעך לפנים...

ביידע האנדלען זיי בשותפות:
תבואה, אָקסען, וועלדער, מאַגרעל.

און פֿערלירען, ביז א פּרוטה,
דעם נדן אין זייער האנדעל...

*

בערעל חיה׳ס, בערעל פּייע׳ס,
קערען אום זיך צו דער תּורה,
ביידענ׳ס ווייבער ווערען קרעמער,
מיט בטחון מעהר ווי סחורה.

האנד אין האנד צונויפגעשלאָסען
סיי אין פריידען, סיי אין טרויער,
ווערען ביידע אַלט און עלטער,
ווערען ביידע גרוי און גרויער

*

אין דעם אַלטען בית־המדרש,
האלב אין דונקעלהייט פֿערצויגען,
אין א ווינקעל ביי א שטענדער
זיצען ביידע איינגעבויגען.

ביי איין ליכטעל, ביי איין ספר,
מיט דעמזעלבען אומעט־ניגון,
ביידענס ווייסע קעפּ און זקנות
זיך פֿאמעלעך וויעגען, וויעגען.

שטיל איז... נאָר דער אַלטער זייגער
מאָנאָטאָנע לאָזט זיך הערען.
סומנע... נאָר דאָס חלב־ליכטעל
וויינט מיט שטילע פֿרומע טרערען;

וויינט פֿאַר שמחה וואָס בעשערט איז
דעם אַזוי פיעל גליק און זעגען:
ברענען הייליג און בעלייכטען
די חברים׳ס לעצטע וועגען...

דאָך עס טרעפֿט—ווי אָפֿט בעמערקט איהר,
אין א זומער־טאָג א שענעם,

דוקט זיך פּלוצים אָן אַ חמאַרע
אויף דעם הימעל אויף דעם ריינעם,

דוקט זיך אָן מיט בליץ און דונער,
דאַכט זיך, שוין, די וועלט געהט אונטער,
נאָר מיט איינמאָל שווינדט די חמאַרע
און די זון שטראַהלט ווידער מונטער.—

פּונקט אַזוי פּאַסירט ניט זעלטען
בשעת אַ פּלוגתא. די למדנים
שטעהען איינער געגען צווייטען,
זיך צו דורם זיין ווי שונאים.

ביידענ'ס ווייסע קעפּ און זקנות
רוקען נאָהענט זיך צוזאַמען:—
אויף די הויכע שטערענס—חמאַרע,
אין די אויגען—בליצען, פלאַמען...

נאָר דאָס דוערט בלויז אַ רגע,
און שוין שמייכלען ביידענס אויגען
מיט אַ שמייכעל, וואָס איז ענהליך
צו דעם ליכט פון רעגענבויגען...

און עס קוקען די חברים
זיך מיט ליעבשאַפט אָן און לאַכען:
„זאָלען צווישען זיך אַליין שוין
די תנאים שלום מאַכען..."

בערעל חיה'ס, בעריל פייע'ס,
אַ לעגענדע און אַ חלום————
אויף דעמזעלבען בית־הקברות
לאַנג שוין דרעמלען זיי בשלום...

י. אַדלער.

מײַן היים.

כ'זעה פֿאַר זיך דאָס קלײנע שטיבעל
אין אַ שוואַרצע פּחד-נאַכט;
דאָרטען זיצט מײַן אַלטע מאַמע,
קוקט אין פֿענסטער און זי טראַכט.

קוקט אַרויס פֿון בלינדען פֿענסטער
אין דעם ווײַטען, שוואַרצען רוים —
בײַ דעם פֿענסטער, אין דעם חושך,
רוישט דער אַלטער קאַרשען-בוים.

רוישט, שפּײַט אוים די אַלטע צווײַגען,
בעט זיך רחמים בײַ דעם ווינד —
און עס זיצט די אַלטע מאַמע
אַ פֿערבענקטע נאָך איהר קינד:

„אָ, מײַן קינד, איך וואָלט איהם האַרציג
יעדען אבר אויסגעקוסט,
און זײַן קאָפּ, דעם בלאָנדען, וואָלט איך
היים געטוליעט צו מײַן ברוסט.

„מיט אַ קוואַל פֿון פֿריידען-טרערען
וואָלט בעגעגענט איך מײַן קינד —
ווײס איין בורא נור אין הימעל,
וואו ער איז, מײַן זוהן, אַצינד”.

און דאָס לעמפּעל אויף דעם טישעל
ציטערט קרענקליך... אָטעמט קוים...
בײַ דעם פֿענסטער, אין דעם חושך,
רוישט דער אַלטער קאַרשען-בוים.

רוישט און קרעכצט אַ יאוש-ניגון,
זינגט אַ קאַלטעס קראָהען-ליעד;

פון דעם קאַלטען קראַהען-ניגון
קיהלט און גליוועט יעדעם גליד...

און עס הערט זיך צו די מאַמע
צו דעם ניגון פון דעם ווינד;—
ערגיץ וואו פון ווייט דערטראָגט זיך
ס'בילען פון אַ סטייע הינד...

ערגיץ גיט אַ סקריפּ אַ לאָדען,
ערגיץ טשירקעט קוים אַ גריל;
ערגיץ שפּיעלט מען אויף אַ פּייפעל,—
און אַט ווערט עס פּלוצים שטיל...

עמיץ, דאַכט זיך, שטעהט ביים פענסטער
און ער וואַרפט מיט הויפענס שטויב;
ערגיץ ברעכט דער ווינד אַ צווייגעל,
און ער וואַרפט עס אין אַ שויב....

ערגיץ שלאָגט אַן'אַלטער זייגער,
עס צעוויינט זיך וואו אַ קינד,
און דער קאַרשען בוים, דער אַלטער,
בעט זיך רחמים ביי דעם ווינד...

און עס זיצט די אַלטע מאַמע
אַ פערבענקטע און זי טראַכט,
קוקט אַרויס פון בלינדען פענסטער
אין דער שוואַרצער פּחד-נאַכט....

א. ח. שעפּס.

יוגענד.

ווי זאָל איך זיך לאָזען אין שטורם פון לעבען,
אַז כ'וויים ניט, ווי קאָן מען גאָר יענעם בעזיגען,

דעקלאַמאַציע.

אַז ס'ריִהרט דאָס געוויסן פֿון אַ קינד מיך ביז טרערן,
און ס'קאָן מיך אַ שמעקענדיג ווינטעל פֿערוויגען

✻

אַז כ'האָב נאָר אַ תּפלה געגרייט אויף די ליפּען,
אַז ס'צאַפּעלט מיין האַרץ פֿון אַ פֿויגעלס געזאַנגען.
און כ'ווער פֿון פֿאַרנאַכטיגען מערב פֿער'כשופֿ'ט,
ווען ס'ווערט דאָרט די זון אין אַ פּורפּור פֿערגאַנגען.

✻

ווי זאָל איך זיך לאָזען אין שטורם פֿון לעבען,
אַז כ'ווייס נאָר צו ליעבען, צו קושען און זינגען.
און ס'קאָן מיר אַ שמייכעל, אַ בליק פֿון אַ מיידעל,
מיין יונגע פֿערבענקטע נשמה בעצווינגען.

יוסף יפה.

מַה רַעַשׁ.

נו, מה רעש אַז איך זויף?
כ'גנב'ע נישט קיין וויין — איך קויף,
אַז עס טריקענט מיר מיין האַלדז,
אָל איך שמירען איהם מיט שמאַלץ?
ז

און מה רעש אַז איך ווייב?
אַז עס קאָכט מיין בלוט און לייב
פֿון די מיידלעך, ברוין און ווייס,
זאָל איך לעגען מיך אויף אייז?

און וואָס ערגערט אייך מיין ליעד?
פּאַסט אייך ניט, טאָ זינגט עס ניט;
אַז איהר קוקט מיך יאָ אָן קרום —
מיינט איהר, איך וועל ווערען שטום?

ס'איז גענוג.

ס'איז גענוג! איך האב ערפאהרען!
ליעבסטע, דארפסט מיך מעהר ניט נארען

און דיין שמערץ אין זיך דערשטיקען:
כ'זעה דיין וועה אין דיינע בליקען.

וויין, און זאל דיך גאט דערהערען,
וויין, און דיר זאל לייכטער ווערען.

פלאצט אין מיר מיין הארץ אויף שטיקלעך —
איך בין אין מיין אונגליק גליקלעך:

איך האב דיך דאך נישט פערביטען,
איך האב שטיל און טיעף געליטען.

דו האסט מיין געמיט פערביטערט
דו האסט מיר מיין הארץ צושפליטערט —

דאך דו ליידסט פון מיר פיעל מעהרער:
ווער עס זינדיגט, דער ליידט שווערער.

וויין, און זאל דיך גאט דערהערען,
וויין, און דיר זאל לייכטער ווערען!

יוסף ראלניק.

נעכט.

פערברענט זאלט איהר ווערען, איהר בילדער!
וואס ארט מיך דער „זיין" און „ניט זיין"?
איהר לערנט מיך בעסער צו ליעבען
און לערנט געליעבט ווי צו זיין.

דעקלאמאציע.

כ'האָב תלמוד און פּוסקים געלערנט,
געשפּאָלטען דעם ים הין און הער:
די איינציגע סוגיא פון ליעבען
און ווערען געליעבט גיט זיך שווער.

*

איך וועל אזוי אָפּט אטאקירען
דאָס מיידעל מיט ליעדעלעך קליינע,
אזוי ווי א שטאָדט א בעלעגטע
בעהאָגעלט מיט קוילען דער שונא.

זיי וועלען דאָרט געטער אומוואַרפען —
און טעמפּלען, ווי נעצען, צופליקען
און וועלען ווי שפּינוועבס צורייסען
צום עבר פערהייליגטע בריקען.

זיי וועלען דאָרט אָנמאַכען שרפות —
און אויפגעהן דאָס האַרץ וועט אין פלאַמען,
און שטראָמענווייז בלוט וועט זיך גיסען —
אי איהרע, אי מיינע צוזאמען.

*

האָסט גוטע מינוטען געשענקען,
און מעהרער נאָך שלעכטע געגעבען,
די שלעכטע זאָל גאָט דיר פערגעבען,
איך וועל נאָר די גוטע געדענקען.

צוויי קינדערשע הענטעלעך קליינע,
וואָס טוליען זיך צערטליך און גלעטען,
צוויי אויגען, וואָס ריידען און בעטען —
צי קען מען זיי ווערען א שונא?

זישא לאנדוי.

* *
*

אין דער פינסטער זענען דיינע אויגען שענער —
מאך די ביידע, סקריפּענדיגע לאָדען צו! —

דאמאָלס איז דײַן קלײנער פֿוס נאָך קלענער,
צימעריגער, בוינזאַמער ביזטו! — — —

❀

אין דער פֿינסטער קלינגט דײַן שטימע בילדער־רײַכער,
דאמאָלס וועהט פֿון דיר אַזוי פֿיל פֿרייד און רוה;
דײַנע פֿינגער ווערען ווייכער, בלייכער,
צימעריגער, בוינזאַמער ווערסטו — — —

❀ ❀
❀

זענען מיר אַלע געבוירען אָהן ווילען,
זענען מיר אַלע אונמעכטיג און קליין —
לאָמיר ווי קינדער, ווי קליינע, זיך שפּילען,
ווען אונזער זון וועט אין הימעל פֿערגעהן. —

❀

פֿויגעלעך פֿליהען אַרום אין דער לופֿטען,
שאָטענדלעך שפּרינגען אַרום אויף די ווענד,
וועלקענדע בלומען, ווי בליהענדע דופֿטען,
צאַרט זענען, ווייך זענען מיידעלשע הענד — — — —

מאני־לייב.

❀ ❀
❀

טהיר און פֿענסטער צוגעשלאָסען,
און דאָס לעמפּעל אויסגעלאָשען,
ליולינקע, מײַן יונגעלע.

❀

שטיל און פֿינסטער איז אין חדר.
— פּאַ! ווער שאַרט עס דאָרט כּסדר?
— ליולינקע, מײַן יונגעלע.

*

ס'שארט א מײַזעל אין די ספרים,
— קומען מתים פון די קברים?
— ליולינקע, מײַן יונגעלע.

*

אויף די קברים װאַקסען בלומען.
— פאַ! װעט מעהר די מאַ ניט קומען?
— ליולינקע, מײַן יונגעלע.

———

לײַטער איהר נשמה, בורא ———
— פאַפאַ, פאַפאַ! איך האָב מורא!
— ליולינקע, מײַן יונגעלע.

*

כ'װעל דיך היטען װי די מאַמע,
װעל דיך היטען, װי די מאַמע ———
ליולינקע, מײַן יונגעלע.

מ. ל. האַלפּערין.

* *
*

... דאָס טרײַב־ראָד אין די װאַלען רױשט. די שיף געהט אָב.
איך קוק די מענשען אָן, װאָס שטעהען נאָהנט בײַם ברעג,
און פרעמד נעמט אויף מײַן האַרץ דעם לעצטען גרוס פון זײ,
און רגע־װײַז פיהרט װײַטער אונז די שיף אַװעק.

און קלענער װערט דער ברעג און גרױער מעהר און מעהר,
און רױשיג ציהט זיך נאָך דער שיף אַ װײַסער שױם.
װי שױם צופליסט אין מיר דאָס גליק פון ליעבע איצט,
װי שױם צופליסט אין מיר מײַן האַרציגס שענסטער טרױם.

איך קוק די געגענד אָן, װאָס רינגעלט מיך אַרום,
עס שפרײט זיך אויס פאַר מיר אַ װײַטע פרײַע װעלט.

אין מערב־זייַט די זון, אין מזרח־זייַט אַ ברעג,
אַ מייַלען־לאַנגער ברעג מיט באַרג און וואַלד און פֿעלד.

און אָבגעזונדערט שטעהט אַ ווילּיע דאָ און דאָרט
און אַלע פֿענסטער קוקען פֿרייַ צום ים אַרויס.
און דאָ, אין מיטען ים, בעוועגט זיך אונזער שיף
און איבער אַלץ שפּרייַט פֿריעדליך זיך דער אָוועגד אויס.

און אַלץ איז אייַנגעהילט אין טרוימערישער רוה.
די רוה וועקט אויף אין מיר אַ טיעף־פֿערוועהטאָגט ליעד —
מייַן לעבענס יוגענד־צייַט... איך זעה אַ גאַס אַצונד,
דאָס לעבען דאָרט איז גרוי, איז וואָלקען־גרוי און מיעד.

אויף שטויביג אַלט־וואַרג שייַנט אַרייַן די זון אין שטוב.
צום פֿענסטער קוקט אַרייַן אַ דאַרער קאַרשען־בוים.
מייַן פֿאָטער געהט אַרום אַ שווייַגענדער אין שטוב,
מייַן מוטער און מייַן שוועסטער׳ל געדענק איך קוים.

און יונגערהייד האָב איך פֿערלאָזט מייַן פֿאָטער׳ס הויז,
אַלייַן, אין פֿרעמדער וועלט אַרויסגעגאַנגען ווייַט.
און אויף מייַן וועג פֿערלאָרען האָב איך פֿיעל — — —
און ווען איך האָב דערגרייַכט דעם יוגענד׳ס שענסטע צייַט,

האָט מיך אַ שיף געבראַכט אין לאַנד אַרייַן, אַהער.
און פֿיעל איך ראַנגעל זיך, פֿערזאַמעלט מוז איך זייַן.
מייַן קאָפּ ווערט לאַנגזאַם גרוי, און עלטער ווערט מייַן האַרץ,
די שטאָדט שלינגט ברעקלעכווייַז מייַן יונגעם לעבען איין.

אין שענקליך אָרימע פֿערלעב איך מייַנע נעכט.
אַ שווערע גרויקייַט געהט דורך אַלע מייַנע טעג.
און פֿרעמד איז מיר די שטאָדט, ווי דאָ די געגענד איצט,
און פֿרעמד, ווי אַלע דאָ, וואָס זיצען אויפֿ׳ן דעק.

אַ לוסטיג — יונגע מענשען — וועלט אין מיטען ים —
און ווייַט אַרום אַ געגענד פֿרייַ, און שען, און רייַך —
און גאָרנישט רעדט צו מיר... מייַן לעבענס־גאַנג
איז צו אַן אָרימען וואָגלענדען ציגייַנער גלייַך...

עס וואגעלט א ציגיינער אין דער וועלט ארום,
קיין רוה געפינט ער ניט, און יאהר נאך יאהר פערשווינדט,
און קיינמאל איז ניט גאנץ די טראנטע אויף זיין לייב,
און תמיד קלינגט זיין ליעד ארויס אין נאכט און ווינד — —

מ. באסין.

בעגינען.

עס ליעגט שוין די לעצטע געליעבטע א מידע אין רוהיגע ארעמס,
אזוי ווי א נעסט אין דער טיעפקייט פון שטארקע, בעוועגלאזע צווייגען,
עס טרייבט זיך דאס שווייגען ארום אין די גאסען און וויעגט זיינע קינדער,
און זינגט אין דער שטיל זיי די ליעדער פון אייביגער רוה און פון שווייגען.

עס שטעהען די הייזער פערלאזען, אזוי ווי צושטעלטע מצבות.—
און יעטווידע גאס, ווי א סטיעזשקע, אנ'איינזאמער וועג צווישען קברים —
און יעטווידער לאמפ, ווי א יאהר-צייט, נאך לאנג שוין פערגעסענע לעבענס,
און יעטווידער מיסט-בלאט — א צייכען פון אלטע צוריסענע ספרים...

קיין איינציגער ביל פון א שטוב-הונד, קיין איינציגער קרייען פון הענער,
קיין איינציגער טאן פון א פאסטוך, וואס זאגט אן דער גאס פון בעגינען.
עס טראגט זיך פון ווייטען א שאטען, א קינד פון דעם טאגיגען לעבען,
אזוי ווי א וואגלענדער גלגול, וואס קען זיך קיין רוה ניט געפינען...

עס האט שוין די נאכט איהרע גליקען פערקויפט און פער־
מאכט שוין דאס קרעמעל.
פון ערגעץ א רײדען פון רעדער מיט שטײנער דערטראגט זיך
צוריסען — — —
שוין רײסט אויף דער טאג זײנע אויגען פון שווארצליכע
ברעמען פערזשמורעט,
און האט ניט קײן אײנציגען פויגעל, וואס זאל איהם מיט
שירה בעגריסען...

לײב נײדוס.

מזרח־אויגען.

(פון די „אריענטאלישע מאטיווען״).

און קוק איך ווען אין דײנע שווארצע אויגען,
צעוויקעלט זיך א מזרח־נאכט פאר מיר,
אין זומער־דופט, אין נעבעל־טהוי בעצויגען,
מיט גרויסע שטערען, ווי מיט פערעל־שניר...

ס׳בעוועגט זיך ווײט און ס׳וויעגט זיך אום א פלעמעל,
אזוי ווי ס׳וואלט געברענט דאס הארץ פון נאכט:
עס פיהרט, מסתמא, עמיץ דארט א קעמעל,
דורך פײכטען וועג, פון פאלמען־הויך בעוואכט...

עס טהוט א שארך א ווײנשטאק וואו א גרינער,
און ס׳מישט זיך אויס דער קלאנג אין שטומען פעלד
מיט ווײטע ליעדער פון א בעדואינער,
וואס ליעגט נאך וואך בײם ברעג פון זײן געצעלט...

און שליסט דעם בליק דער שווארצער ברעמען־בויגען,
און קומט דער שלאף דער מײדעלשער צו דיר, —
דאן דוכט מיר אלץ: עס וואכט נאך אין די אויגען
די מזרח־נאכט מיט איהרע שטערען־שניר...

ד. מארשאק.

מיין בת-מלכה.

גיט אין פאלאצען גין-גאלדען
זיצט מיין בת-מלכה פערשפארט;
ס'קומט קיין ריטער זי בעפרייען,
און קיין ליעבעס-לוין איהם ווארט. —
אין א הינטערגאס בעהאלטען,
אבגעטיילט פון וואלד און פעלד,
אבגעטיילט פון זון און הימעל,
שטעהט איהר עלענדער געצעלט.
חמארנע, קוטיג איז דאס געסיל,
וואו איהר פענסטער קוקט ארוים,
און ס'פערשטעלט איהר איינציג פענסטער
שווארצע, מויער, ריזיג גרוים.
און אט דא אין אייגען געסיל,
וואו דער בלייכער פחד וואכט,
אין איהר שטיבעל שטיל בעהאלטען
מיין בת-מלכה איינזאם שמאכט.
און איך זעה זי: שווארצע וועלען
פליסען, פאלען פריי אראב
אויף די אקסעל אויף די שמאלע,
און די אויגען — טיעף אין קאפ
איינגעזונקען, איינגעגראבען,
גלאנציג שווארצע קויהלען צוויי, —
צארטע מיידעלשע פאנטאזיע
ליעגט בעהאלטען טיעף אין זיי.
דאך פון שרעק פערשטיינט, פערגליווערט
איז איהר מיידעל-חלום לאנג, —
און עס קוקט פון איהרע אויגען
נאר נאך שווארצער יאוש באנג.
אויף די בלאסע ליפען איהרע
שפיעלט קיין טראפען פרישעס בלוט,
ניט קיין מיידעלשער געלעכטער,
גיט קיין שיין פון פרייען מוט — —

דאָך אין מיטען שרעק און אנגסטען
און אין ליידען שווער און פיעל
אָפּט פערגעסט זיך מיין בת־מלכּה,
און זי חלומ׳ט מילד און שטיל...
פון אַ גאָט־געקרוינטען ריטער
אויף אַ פייערדיגען פערד
טרוימט זי פון אַ האנד אַ שטאַרקער
מיט אַ פלאַמענדיגען שווערד,
טרוימט פון פעלדער, ליכט בעגאָסען,
און פון היימיש פרייען וואלד — —
און עס שמייכעלט מיין בת־מלכּה,
און איהר בלייכעס פּנים שטראַהלט.
הייסע האָפנונגס־פולע תּפילות
שעפּטשעט זי אין שטילער לוסט —
צאַרטע רויזקייט פאַרבּט די באַקען
טרערען רינען אומבּעוואוסט — — —
— — — — — — — — —
— — — — — — — — —
אָ, ווי שען ביזטו, בת־מלכּה,
וואָס אין שוואַרצער שרעקענס־נאַכט
זעהסטו ליכטיגע חלומות,
פול מיט קינדיש ריינער פּראַכט!
גרויס אין ליידען, ווי אין חלום —
ציהסט מיך צו, בעצויבערסט מיך,
אָ, ווי שען ביזטו, בת־מלכּה,
און ווי מעכטיג ליעב איך דיך!

זעלדע קניז׳שניק.

* * *

מיין לעצטע ליכט האָט אויסגעברענט
און שוואַרץ איז ביי מיין עמוד!

איך קען קיין איינציג תפלה מעהר
מתפלל זיין ווי תמיד.

עס גלאָצט אין פֿינסטער מיר די נאַכט,
אַ גרויע און אַ קאַלטע;
מיט מתים־שאָטענס שרעקליכע
ווערט פֿול מיין שוהל די אַלטע.

אין אימת מות זוך איך אַלץ
אַ שיין, אַ פֿונק אַוואו!
איך זוך און רוק זיך פֿויזענדיג
צום טהיר אַלץ נעהנטער צו...

* *
*

מאָרגען! מאָרגען! — נאַרט די האָפֿנונג —
וועט שוין ליכטיג זיין;
בלויז דער היינט איז שלעכט און דונקעל,
אָהן אַ ברעקעל שיין.

ציהען זיך אַזוי די מאָרגענס,
ווי אַ לאַנגע קייט,
ביז דער לעצטער שווערער מאָרגען
טרעפֿט זיך מיט'ן טויט.

די פֿערפֿיהרטע*).

געדענקסטו, ווי דו האָסט מיר ליעבע געשוואָרען?
געגרינט האָט דער עפּעלבוים צווישען די קאָרן.
דער פֿויגעל האָט רוהיג געבליקט פֿון די צווייגען
און אַלעס אַרום איז געלעגען אין שווייגען...
אָ, ווער האָט עס דעמאָלט געוואוסט די כונה?

*) על פי טעות איז דאָס דאָזיגע ליעד אַרויסגעפאַלען פֿון זיין בע־שטימטען אָרט — צווישען ס. ראָזענפֿעלד'ס ליעדער.

געשטומט האבען הימעל און ערד און לבנה,
ווען דו האסט געשווארען פאר מיר מיט א פייער,
אז אויביג פערבלייבסטו מיין איינציג-געטרייער.
דו האסט מיך פער׳כשופ׳ט, דו האסט מיך בעטרונקען,
איך בין, ווי בעטויבט, אין דיין ארעם געזונקען...
א, דאן איז דיין אונריינער וואונש דיר געלונגען,
דו האסט אין מיין הייליגטום פרעך איינגעדרונגען,
מיין עהרע גערויבט און מיין לעבען צוריסען,
מיך ביטער בעליידיגט אין, ענדליך, פערשמיסען.

בין ארים און עלענד, וואס דארפסטו זיך שטערען?
פלעג איך ביי דיר שטענדיג זיך בעטען מיט טרעהרען.
און דו ביזט דאך ריין און געבילדעט און איידעל...
געה זוך דיר א שענערע רייכערע מיידעל!
א, זאל מיך דאס פייער פון עלענד פערברענען,
פלעג איך צו דיר זאגען — דו דארפסט מיך נישט קענען.
פערגעס אן מיין שענהייט, איך דארף נישט קיין גבירות,
א, לאז מיך אין ארמוט, איך זוך קיין עשירות.
געדענקסטו די נאכט, ווען מיר זענען געגאנגען?
דער מאנד איז, ווי זילבער, אין הימעל געהאנגען,
פון גאלדענע שטערען בעקראנצט אין דער סביבה,
וואס האבען געשמייכעלט, ווי קינדער נאאיווע, —
געדענקסט יענע נאכט? א, דו דארפסט זי געדענקען!
איך שענק עס דיר, גאט זאל אין הימעל דיר שענקען!

איך האב זיך ביי דיר מיט רחמנות געבעטען:
„א, רייס מיך נישט אוים, וועסט מיך שפעטער צוטרעטען...
א, לאז מיך! איך וועל מיר צווישען די מאשינען
אנ׳עהרליכען מאן, א געליעבטען געפינען.
א שנ[illegible]-מיידעל בין איך, וואס האב איך צוקלייבען,
בין [illegible]ים געבוירען, וועל ארים פערבלייבען.
דאך דו האסט מיט זיסע און קונציגע ווערטער
געשווארען, אז דו נאר ווילסט זיין מיין בעשערטער.
צו[illegible]ען בין איך, האסטו געזאגט, צו פערוויאנען,
פא[illegible] מיר איז א בעסערעס לעבען פאראנען.
געדענקסטו די נאכט?.. זי איז לאנג שוין פערגאנגען.

דאָס ווינדטעל האָט קוים־וואָס געשאָקעלט די זאנגען,
אָרום די נאַטור האָט געקוקט און געשוויגען.
אָ, ווער האָט גערעכענט, דו זאָלסט מיך בעטריגען?
אצינד, זאָגסטו, ווילסטו מיך מעהר נישט בעגעגענען —
איך האָב נישט [illegible] געגעגען, איך קום זיך געזעגענען.
איך ווייס [illegible] זיך אַנ'אַנדערער איבער,
נו, ווינש [illegible] מזל־טוב... מזל, מיין ליעבער!
דו ביזט [illegible] ־חוב, דיין שם איז געניזען,
די שול[illegible] מיינע, יאָ, מיינע געוועזען:
איך האָב [illegible] געגלויבט, אַז דו וועסט מיך בערויבען,
איך האָב [illegible]שט געוואוסט נאָך דאָס אומגליק פון גלויבען,
איך האָב נאָך די מענשען גענ״י נישט בעגריפען,
איך האָב נישט געוואוסט, אַז די צונג איז געשליפען.
ניין, דו ביזט נישט שולדיג, איך קום דיר פערציי׳ען,
איך וויל דיך פערלאָזען, איך וויל דיך בעפריי׳ען, —
ווי קום איך, אַנ'איסוואורף אין עלענד געשלאָסען,
פערלאַנגען מיין מייסטער'ס אַ זוהן פאַר אַ חתן?

I. FRICKLAS

MANUFACTURER OF

FINEST GOLD AND SILVER EMBROIDERY

Hebrew Books and Thalaisem a Specialty

97 RIVINGTON ST., NEW YORK

TELEPHONE, ORCHARD 4735